LIT 7508

יצחק באַשעוויס

I. B. Singer

# דער קטלן

### אַ באָבע־מעשה

א

קעגן דעם וואָס איר זאָגט אַ קטלנית? באַהיט און באַשירעמט זאָל מען ווערן, נישט דאָ געדאַכט, נישט קעגן נאַכט געדאַכט, נישט פֿאַר קיין ייִדישער טאָכטער געדאַכט, ס'זאָל אויסגיין צו שונאימס קעפּ און צו זייער לײַב און לעבן. איך שטאַם פֿון טורבין און דאָרט איז געווען אַ ייִד אַ קטלן. פּעלטע האָט ער געהייסן, פּעלטע דער קטלן. ער האָט געהאַט פֿיר ווײַבער און ס'זאָל אים צו קיין גנאי נישט זײַן — ר'האָט זיי אַלע פֿיר אַוועקגעשיקט. וואָס ווײַבער האָבן אין אים אַזוינס געזען, זאָל איך אַזוי וויסן פֿון אַ בייז שטערנטיכל. ער איז געווען אַ קליין מענטשל, אַ דיקלעכער, אַ גרויער, מיט אַ צויטיק בערדל און מיט צוויי רויטע אַרויסגעבאַלטע אויגן. ס'איז געווען אַ מורא אויף אים אַ קוק צו טאָן. הײַנט ס'קאַרגשאַפֿט זײַנס — סכנת־נפֿשות. זומער און ווינטער איז דאָס אַרומגעגאַנגען אין אַ וואַטענעם קאַפּטן און יוכטענע שטיוול. ער איז געווען אַ גבֿיר. ער האָט געהאַט אַ היפּשע מויער, אַ שפּײַכלער מיט תּבֿואה, פּלעצער. ער'ט געהאַט שטיין אַ דעמבענעם קופֿערט — געדענק איך אים ווי הײַנט: באַשלאָגן מיט פֿעל און געקאָוועט אין קופּערנע רייפֿן. ס'איז אַלץ געווען קעגן אַ שׂרפֿה. גנבֿים זאָלן אים נישט צולקחנען, האָט ער דעם באָדעם צוגעשרויפֿט צום בריק. מ'האָט געזאָגט, אַז ס'איז דאָרט געלעגן אַ הון־רבֿ. פֿון דעסט וועגן פֿאַרשטיי איך פֿאָרט נישט ווי מ'גייט מיט אַזאַ איינעם צו דער חופּה. מילא, די ערשטע צוויי זענען כאָטש געווען פֿון אָרעמע הײַזער. די ערשטע, אײַך צו לאַנגע יאָר, איז נעבעך געווען אַ קײַלעכיקע יתומה. ר'האָט זי גענומען ווי זי איז געגאַנגען און געשטאַנען. די אַנדערע ווידער, רוען זאָל זי אין ליכטיקן גן־עדן, איז געווען אַן אַלמנה. באָרוועס און נאַקעט. זי'ט נישט געהאַט, פּערמיסיאָן, קיין העמד אויפֿן לײַב. מ'זאָגט הײַנט ליבע שמיבע. מ'מיינט: אַמאָליקע מאַנצלײַט זענען געווען מלאכים. ווייסעך וואָס. ווי גרויס שמויגער ר'איז געווען, אַזוי האָט ער זיך אין איר אײַנגעכליאַפּעט. גאַנץ טורבין האָט געלאַכט אין די פֿויסטן. ר'איז שוין דעמאָלט געווען אַ ייִד אין די פֿערציקער און זי — אַ קינד כמעט, אַכצן יאָר, אָדער נאָך ווייניקער. בקיצור, פּושקע־מעקלערס האָבן זיך אַרײַנגעמישט, קרובֿים האָבן זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט און מ'האָט געמאַכט אַ תּכלית.

באַלד נאָך דער חתונה האָט ס'ווײַבל זיך גענומען קלאָגן, אַז ער פֿירט זיך נישט אויף מעשׂה מענטש. נישט געשטראָפֿט זאָל איך ווערן פֿאַר די רייד; מ'האָט דערציילט אויסטערלישע זאַכן. ר'האָט געהאַלטן אין איין טאָן צו להכעיס. איידער ר'איז אַוועק אין דער פֿרי דאַווענען, פֿרעגט זי אים: וואָס ווילסטו אויף אָנבײַסן, אַ ייַכל, אָדער אַ באָרשט? זאָגט ער אַ ייַכל. מילא, מאַכט זי אַ ייַכל. ער קומט צוריק, זאָגט ער: כ'האָב דאָך דיר געזאָגט אַ באָרשט. זאָגט זי: סטײַטש, האָסט דאָך געזאָגט אַ ייַכל. זאָגט ער: הייסט עס, בין איך גאָר אַ ליגנער? און איידער וואָס איידער ווען, איז ער שוין ברוגז. ער כאַפּט אַ רעפֿטל ברויט, אַ הייפּטל קנאָבל און לויפֿט עסן אין בית־מדרש אַרײַן. זי יאָגט אים נעבעך נאָך און שרײַט: כ'על דיר אָפּקאָכן אַ באָרשט, מאַך ניש' אויס מיר ס'לײַטישע געלעכטער. נאָר ער קוקט זיך נישט אום. אין בית־מדרש זענען געזעסן בחורים און געלערנט. וואָס עפּעס עסט איר אין בית־מדרש? — פֿרעגן זיי אים. זאָגט ער: ס'ווײַב האָט מיך פֿאַרטריבן. וואָס זאָל איך אײַך דאָ לאַנג ברײַען? ר'האָט זי מיט זײַן קידער־ווידער געבערענגט פֿון דער וועלט. מ'האָט זי געראָטן זי זאָל זיך גטן, האָט ער געסטראַשעט, אַז ר'עט זי לאָזן אַן עגונה. זי'ט נישט וויסן ווו זײַן געביין איז אַהינגעקומען. ער איז שוין אַפֿילו געהאַט אַנטלאָפֿן און מ'האָט אים געכאַפּט אויפֿן יאַנעווער וועג, בײַם שלאַבאַנט. אַז ס'ווײַבל האָט געזען, אַז זי איז אַ געקוילעטע, האָט זי זיך פּשוט געלייגט אין בעט אַרײַן שטאַרבן. כ'גיי פֿון דער וועלט, האָט זי געזאָגט, צוליב אים. ס'זאָל אים נישט גערעכנט ווערן. די שטאָט איז געגאַנגען אויף רעדער. קצבֿים און ווילע־יונגען האָבן אים געוואָלט רוק און לענד צעברעכן, ווײַל זי איז געווען פֿון זייער שטאַנד. האָט אָבער קהל נישט דערלאָזט. נאָך אַלעמען איז ער פֿאָרט געווען אַ בעל־הבית. נו, ווי זאָגט מען דאָרט? געשטאָרבן, באַגראָבן. וואָס די ערד דעקט צו, ווערט פֿאַרגעסן.

ס'זענען אַוועק עטלעכע יאָר און ר'האָט נישט חתונה געהאַט. צי ער'ט

# *The Wife Killer*

### A FOLK TALE

I

I am from Turbin, and there we had a wife killer. Pelte was his name, Pelte the Wife Killer. He had four wives and, may it not be held against him, he sent them all off to the other side. What women saw in him, I don't know. He was a little man, thickset, gray, with a scraggly beard and bulging bloodshot eyes. Merely to look at him was frightful. And as for his stinginess—you never saw anything like it. Summer and winter he went about in the same padded caftan and rawhide boots. Yet he was rich. He had a sizeable brick house, a storeroom full of grain, and property in town. He had an oak chest which I remember to this day. It was covered with leather and bound with copper hoops, for protection in case of fire. To keep it safe from thieves, he had it nailed to the floor. It was said that he kept a fortune in it. All the same, I cannot understand how a woman could go to the bridal canopy with such a man. The first two wives at least had the excuse that they came from poor homes. The first one—poor soul may you live long—was an orphan, and he took her just as she was, without any dowry. The second one, on the other hand—may she rest in peace—was a widow without a cent to her name. She didn't have even an undershirt, if you'll pardon the expression. Today people talk of love. They think that once upon a time men were angels. Nonsense. Clumsy creature that he was, he fell head over heels in love with her, so that all Turbin snickered. He was already a man in his forties and she was a mere child, eighteen years or even less. In short, kind souls intervened, relatives took a hand in the matter, and things came to a head.

Right after the wedding the young wife began to complain that he wasn't acting right. Strange tales were told—may God not punish me for my words. He was spiteful all the time. Before he went to pray in the morning, she would ask him. "What do you want for lunch? Soup or borscht?" "Soup," he might say. So she'd make him soup. He'd return later and complain, "Didn't I tell you to make borscht?" She'd argue, "You said yourself that you wanted soup." And he would say, "So now I am a liar!" And before you could turn around he was already in a rage, and would grab a slice of bread and a head of garlic, and run back to the synagogue to eat there. She would run after him and shout, "I'll cook you a borscht! Don't shame me before people!" But he wouldn't even look back. In the synagogue young men sat studying. "What happened that you eat here?" they would ask him. "My wife chased me out," he would say. To make a long story short, he drove her to the grave with his tantrums. When people advised her to divorce him, he threatened to run off and abandon her. Once he did run away and was caught on the Yanov road, near the turnpike. The woman saw that she was lost, so she simply lay down in bed and died. "I am dying because of him," she said. "May it not be held against him." The entire town was aroused. Some butchers and young bloods wanted to teach him a lesson, because she was of their class, but the community would not allow it—after all, he was a well-to-do man. The dead are buried, as people say, and what the earth swallows is soon forgotten.

Some years passed and he didn't remarry. Perhaps he

ניש׳ געוואָלט, אָדער ס׳האָט זיך גראָד נישט געמאַכט — ר׳איז געבליבן זיצן. ווײַבער האָבן אין אים נקמה דערלעבט. ר׳איז געוואָרן נאָך קאַרגער ווי געווען און פֿאַרוואָרלאָזט, אַז ס׳האָט געמיגלט. אַ פּיצל פֿלייש האָט ער געגעסן בלויז שבת: דרויב אָדער קישקע. אַ גאַנצע וואָך איז ער אָפּגעקומען מיט טרוקנס. ער׳ט זיך אַליין געבאַקן קאָרנברויט געמישט מיט קלײַען. קיין האָלץ האָט ער נישט געקויפֿט, נאָר איז בײַ נאַכט אַוועק מיט אַ זאַק צום בעקער און אָנגעקליבן שפּענער. ר׳האָט געהאַט צוויי טיפֿע קעשענעס, ביז צום זוים, און וואָס ר׳האָט געזען, האָט ער אַרײַנגעשטופּט: אַ ביין, אַ פּיצל קאָרע, אַ שטריקל, אַ שערבעלע, וואָס ס׳האָט זיך פֿאַרוואַלגערט. ער׳ט אַלץ באַהאַלטן אויפֿן בוידעם. ס׳זענען דאָרטן געלעגן קופּעס ביז צום דאַך. יעדע זאַך קומט צו ניץ, פֿלעגט ער צו זאָגן. צו אַלע צרות איז ער נאָך געווען אַ למדן. אויף אַלץ האָט ער געהאַט אַ פּסוק. גערעדט האָט ער גראָד ווייניק — אַ רענדל אַ וואָרט.

מ׳האָט שוין געמיינט ר׳עט אַזוי אויסלעבן די יאָרן איינער אַליין. מיט אַ מאָל האָט מען געהערט אַ מעשׂה־נורא: פּעלטע איז אַ חתן געוואָרן מיט פֿינקל ר׳ פֿאַליקס. וואָס ווייסט איר, יונגע ווײַבלעך, ווער ס׳איז געווען פֿינקל ר׳ פֿאַליקס. ס׳שענסטע ווײַבל אין שטאָט, אײַנגעטונקען אין ייִחוס! דער פֿאָטער אירער, ר׳ פֿאַליק, איז געווען אַ גבֿיר־אַדיר. מ׳האָט געזאָגט, אַז ער האָט געבונדן די ספֿרים אין זײַדנס. אַז מ׳האָט געפֿירט אַ כּלה אין מיקווה אַרײַן, האָבן כּלי־זמר זיך אָפּגעשטעלט בײַ זײַנע פֿענצטער און אָפּגעשפּילט. פֿינקל איז געווען אַ בת־יחידה. פֿון זיבן איינע געבליבן. ר׳ פֿאַליק האָט זי חתונה געמאַכט מיט אַ גבֿירישן בחור פֿון בראָד. אַ יונגער־מאַן איז דאָס געווען איינער אין דער וועלט: תּורה און חכמה, פֿון סאַמע אַדל. איך אַליין האָב אים בלויז געזען פֿאַרבײַגיין איין מאָל: מיט געקרײַזלטע פּאהלעך, אין אַ געבלימלט שלאַפֿראָקל, אין געמזענע שיך און ווײַסע זעקעלעך. בלוט און מילך. נו, איז אָבער נישט באַשערט געווען. באַלד נאָך די שבֿע־ברכות האָט זיך דאָס אַוועקגעלייגט און איז אויסגעגאַנגען ווי אַ הינדל. מ׳האָט גערופֿן זישע רופֿא. ער האָט געשטעלט פּיאַווקעס, געשלאָגן אָדער, נאָר גיי שרײַ אָפּ אַ גזר־דין. ער האָט טאַקע נישט געוווסט פֿון זײַנע הענט און פֿיס. דער שווער האָט געשיקט אַ בויד קיין לובלין, נאָך אַ דאָקטער, איז פֿאַלג מיך אַ גאַנג. איידער וואָס איידער ווען, איז געווען נאָך אַלעמען. אין שטאָט איז געוואָרן אַ געוויין, ווי יום־כּיפּור צו כּל־נדרי. דער אַלטער רבֿ עליו־השלום האָט געמאַכט אַ הספּד. איך בין נישט מער ווי אַ זינדיקע אישה, כ׳קאָן נישט די קליינע אותיות, נאָר כ׳געדענק ביז הײַנט וואָס דער רבי האָט געזאָגט. אַלע האָבן זיך עס אויסגעלערנט פֿון אויסנווייניק, קינד און קייט. זמן שחורים ומצא לבֿנים, ער׳ט אָנגעבריית שוואַרצע און געפֿונען ווײַסע. אין דער גמרא רעדט זיך עס וועגן טויבן, נאָר דער רבֿ עליו־השלום האָט געמיינט חתונה־מלבושים און תּכריכים. אַפֿילו שונאים האָבן מיט־געוויינט. מיר מיידלעך האָבן נאַס געמאַכט ס׳געלעגער. פֿינקל, ס׳איידעלע ווײַבל, דאָס אָפּגעציטערטע קינד, האָט פֿאַרלוירן ס׳לשון פֿון וויטאָג. די מוטער אירע האָט שוין מישטיינס געזאָגט נישט געלעבט. ר׳ פֿאַליק אַליין האָט אויך נישט לאַנג אָנגעטריבן. פֿינקל האָט געירשנט ס׳גאַנצע פֿאַרמעגן; נאָר וואָס האָט איר געטויגט ס׳געלט? זי׳ט נישט געוואָלט הערן פֿון קיינעם.

מיט אַ מאָל דערוויסט מען זיך, אַז פֿינקל גייט חתונה האָבן מיט פּעלטען. ס׳איז געווען אין אַ ווינטערדיקן דאָנערשטאָג בײַ נאַכט און ס׳האָט עפּעס אַלעמען אָנגענומען אַ קעלט אין די ביינער. דער ייִד איז פֿון דער סיטרא־אַחרא, האָט די מאַמע מײַנע אַ געשריי געטאָן. מ׳דאַרף אַזאַ איינעם פֿון שטאָט פֿאַרטרײַבן. אויף אַ וואָגן מיט אָקסן. מיר יונגוואַרג זענען געבליבן ווי פֿאַרשטיינערט. געוויינלעך פֿלעג איך שלאָפֿן אַליין. כ׳האָב פֿײַנט צו שלאָפֿן מיט יענעם. נאָר יענע נאַכט בין איך געקומען אין בעט אַרײַן צו מײַן שוועסטער, אָפּגעשיידט זאָל זי זײַן. ס׳האָט מיך געוואָרפֿן ווי אין קדחת. מ׳האָט זיך שפּעטער דערוווסט, אַז ס׳האָט זיך אַרײַנגעלייגט אין דעם שידוך אַ ייִד אַ פּלוט, אַ שטיקל שדכן, אַ כּל־ולך, אַ פֿאַרשלעפּטע קרענק. יענער זאָל האָבן געבאָרגט בײַ פּעלטען אַ גמרא און דאָרט געפֿונען אַ הונדערטער. ער׳ט געהאַט אַ טבֿע צו פֿאַרשטעקן פּאַפּירגעלט אין אַ ספֿר. ווי ס׳געהער זיך אַ קלאָץ צו בוידעם, זאָל איך אַזוי נישט וויסן פֿון קיין בייז. כ׳בין נאָך אַלעמען געווען אַ יונג קינד. אָבער וואָס איז די נפֿקא־מינה? מ׳האָט גערעדט און זי איז באַשטאַנען. אַז גאָט וויל עמעצן שטראָפֿן, מאַכט ער אים צום נאַר. מענטשן זענען געלאָפֿן צו איר און געשריגן געוואַלד. מ׳האָט זיך די באַקן אויסגעקנײַפּט, נאָר זי איז געבליבן בײַם איריקן. די חתונה איז געווען שבת נאָך שבֿועות. מ׳האָט געשטעלט די חופּה פֿאַר דער שול, ווי געוויינלעך בײַ בתולות, נאָר ס׳האָט זיך אונדז אַלעמען געדוכט, מ׳גייט צו אַ לוויה. כ׳בין געווען איינע פֿון די צוויי שורות מיידלעך, וואָס שטייען מיט ליכט און הבֿדלות אין די הענט. ס׳איז געווען אַ זומער־

didn't want to, perhaps there was no suitable opportunity; anyway, he remained a widower. Women gloated over this. He became even stingier than before, and so unkempt that it was positively disgusting. He ate a bit of meat only on Saturday: scraps or derma. All week he ate dry food. He baked his own bread of corn and bran. He didn't buy wood. Instead, he went out at night with a sack, to pick up the chips near the bakery. He had two deep pockets and whatever he saw, he put into them: bones, bark, string, shards. He hid all these in his attic. He piled heaps of stuff as high as the roof. "Every little thing comes in handy," he used to say. He was a scholar in the bargain, and could quote Scripture on every occasion, though as a rule he talked little.

Everybody thought he would remain alone the rest of his life. Suddenly the terrible news spread that he was engaged to Reb Falik's Finkl. How should I describe Finkl to you! She was the most beautiful woman in town, and of the very best family. Her father, Reb Falik, was a magnate. It was said that he bound his books in silk. Whenever a bride was led to the *mikveh,* the musicians would stop before his windows and play a tune. Finkl was his only child. There had been seven and she alone survived. Reb Falik married her off to a rich young man from Brod, one in a million, learned and wise, a real aristocrat. I saw him only once as he went by, with curly *peios* and a flowered caftan and fine shoes and white socks. Blood and milk. But it was fated otherwise. Right after the Seven Blessings he collapsed. Zishe the Healer was called, and he put leeches on him and bled him, but what can you do against fate? Reb Falik rushed a carriage to Lublin to bring a doctor, but Lublin is far, and before you knew it, it was all over with him. The entire town wept, as on Yom Kippur at Kol Nidre. The old rabbi—may he rest in peace—delivered the eulogy. I am only a sinful woman and I don't know much of learned matters, but I remember to this day what the rabbi said. Everybody memorized the eulogy. "He ordered black and got white . . ." the rabbi began. In the Gemorra this is about a man ordering pigeons, but the rabbi—peace be on him—made it mean wedding garments and burial shrouds. Even enemies mourned. We girls soaked our pillows at night. Finkl, delicate pampered Finkl, lost her speech in her great grief. Her mother was no longer living and Reb Falik, too, didn't survive long. Finkl inherited all his wealth, but what use was money? She refused to hear of anyone.

Suddenly we heard that Finkl was going to marry Pelte. The news came on a wintry Thursday evening, and a chill went through everyone. "The man is of the devil!" my mother cried out. "Such a one should be ridden out of town." We youngsters were petrified. I used to sleep by myself but that night I crawled into bed with my sister. I was in a fever. Later we learned that the match had been arranged by a man who was a bit of this and a bit of that and a general nuisance. It was said that he had borrowed a Gemorra from Pelte and found a hundred-ruble note among its pages. Pelte had a habit of hiding paper money in books. What one thing had to do with the other I didn't know—I was still a child then. But what difference does it make? Finkl consented. When God wants to punish someone, He deprives him of reason. People ran to her, they tore their hair trying to dissuade her, but she wouldn't change her mind. The wedding was on the Sabbath after Shevuoth. The canopy was set up before the synagogue, as is the custom when a virgin gets married, but it seemed to all of us that we were attending a funeral. I was in one of the two rows of girls who stand holding candles in their hands. It was a summer evening

נאַכט, ס'האָט קיין ווינטל נישט געבלאָזן, אָבער ווי נאָר ער איז פֿאַרבײַ מיט די אונטערפֿירערס, האָבן זיך די פֿלעמלעך אָנגעהויבן צו לעשן. אַלץ האָט זיך גענומען אין מיר טרייסלען. די פֿידלען האָבן אויפֿגעשפּילט אַ פֿריילעכס, נאָר ס'איז אַרויסגעקומען אַ געהויל, נישט קיין שפּילעכץ. דער באַס האָט געקלאָגט. מ'זאָל שוין אַזוינס נישט הערן. כ'על אײַך זאָגן דעם אמת, ווײַבלעך: ס'איז מיר עפּעס שווער ווײַטער צו דערציילן. ס'עט זיך אײַך נאָך חלילה חלומען. ס'איז מיר אַליין אויך איבער דער טבֿע. וואָס? עץ ווילט יאָ הערן? נו, מילא. טוטס אָן בעסער די פֿאַרטעכער. עץ'ט מיך מוזן אָפּפֿירן. איכ'ל שוין הײַנט אַליין נישט אַהיימגיין...

ב

איז ווו זשע האַלט איך, האַ? יאָ, חתונה געהאַט. ס'איז געווען אַ שוואַרץ־חתונה. די כלה איז געווען אַ מת, נישט קיין כלה. די אונטערפֿירערינס האָבן זי געשלעפּט. ווער ווייסט? אפֿשר האָט זי באַלד חרטה געהאַט? ס'איז דען געווען איר שולד? ס'איז אַלץ נעבעך געווען פֿון אויבן. כ'האָב געהערט אַ מאָל אַ מעשׂה פֿון אַ כלה, וואָס איז אַנטלאָפֿן פֿון אונטער דער חופּה. אָבער פֿינקל איז נישט געווען אַזאַ איינע. זי וואָלט זיך גיכער געלאָזט וואַרפֿן אין אַ קאַלכאויוון, איידער צו ברענגען בזיונות אויף אַנדערע.

דאַרף איך אײַך זאָגן וואָס ס'איז געווען דער סוף? און אַליין פֿאַרשטייט איר נישט? אויף שונאי־ישׂראל געזאָגט געוואָרן. די שטיק זײַנע האָט ער גראָד דאָס מאָל נישט געמאַכט. פֿאַרקערט, ער'ט גראָד געפּרווט זי אויפֿמינטערן. נאָר ס'האָט פֿון אים געשלאָגן די מרה־שחורה. זי'ט געפּרווט זיך פֿאַרטאָן אין באַלעבאַטישקייט. ווײַבלעך זענען צו איר געקומען. מ'איז געגאַנגען אַרײַן און אַרויס ווי צו אַ קימפּעטאָרין. מ'האָט דערציילט מעשׂיות, געשטריקט, גענייט, געפּרעגט רעטענישן, אַבי זי צו פֿאַררעדן. טייל האָבן שוין גענומען טענהן: טאָמער איז גאָר דער האָקן נישט אַזוי קרום? אַ נגיד איז ער, אַ למדן אויך. אפֿשר וועט ער זיך לעבן איר אויסמענטשלען? פֿון ערשטן איז איר קיין קינד נישט געבליבן און מ'האָט גערעכנט: אַז זי'ט פֿאַרשוואַנגערן און מיט מזל געלעגן ווערן, וועט זי זיך צוגעווינען. קנאַפּ קרומע שידוכים ווערן צונויפֿגעפֿירט! ס'איז אָבער נישט באַשערט געווען. זי האָט מפּיל געווען און געקריגן אַ בלוטשטורץ. מ'האָט געמוזט ברענגען אַ דאָקטער פֿון זאַמאָשטש. דער דאָקטער זאָל איר האָבן געהייסן זיך פֿאַרטאָן. סײַ ווי, זי איז שוין מער נישט פֿאַרגאַנגען. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ מאַטערניש. ער'ט זי געפּײַניקט. דאָס האָבן אַלע געוווּסט. אָבער אַז מ'האָט זי געפּרעגט: וואָס טוט ער דיר? האָט זי געענטפֿערט: גאָרנישט. האָט מען געזאָגט צו איר: אויב גאָרנישט, וואָס זשע האָסטו אַזוינע ברוין־און־בלויע רעדער אונטער די אויגן? און פֿאַר וואָס קוקסטו עפּעס אַזוי ווי נישט קיין היגע? האָט זי געענטפֿערט: כ'ווייס אַליין נישט. אוי, כ'מוז גענעצן! אַהה... עץ זענט אַ מבֿין? כ'זאָל מיך נאָר חלילה נישט פֿאַרזינדיקן מיט די רייד. כ'האָב מורא פֿאַר דעם יויד, אַפֿילו איצט. כאָטש, ער איז שוין אוודאי דאָס זײַניקע איבערגעקומען. צוריקגעשמועסט, איז ער נישט שולדיק געווען. ער'ט געהאַט אין זיך אַזאַ כּוח. ער'ט צוגעצויגן אַ נקבֿה, אַ שטייגער ווי אַ שפּין וועבט אַרום אַ פֿליג: גיך גיך, אַ פֿאָדעם אַהין אַ פֿאָדעם אַהער, און זי פֿלאָנטערט זיך שוין אין דער נעץ.

ווי לאַנג ס'האָט געדויערט? לענגער ווי מ'האָט זיך גערעכט. מיר'ן אַלע געמיינט, אַז זי'ט מער ווי אַ יאָר נישט דערציִען, אָבער זי האָט זיך אַזוי אָפּגעמוטשעט פֿערט האַלבן יאָר. זי איז ניש' געשטאָרבן, נאָר געצאַנקט ווי אַ ליכט. קרובֿהטעס האָבן זי געוואָלט אַוועקשיקן אין אַ וואַרעמבאָד, האָט זי נישט געוואָלט פֿאָרן. ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז מ'האָט אָנגעהויבן בעטן אויף איר סוף. מ'טאָר דאָך נישט זאָגן, נאָר איידער אַזאַ לעבן איז שוין גלײַכער דער טויט. זי'ט אַליין אויך זיך פֿאַרשאָלטן די יאָרן. איידער זי איז געשטאָרבן, האָט זי געשיקט רופֿן דעם רבֿ און געלאָזט שרײַבן אַ צוואה. זי'ט אוודאי געוואָלט אָפּשרײַבן ס'פֿאַרמעגן אויף עולמות. וואָס דען? זי'ט עס גיין איבערלאָזן אים, דעם מערדער אירן? איז ווידער נישט באַשערט געווען. עפּעס אַ מויד האָט געמאַכט אַ געוואַלד, אַז ס'ברענט, און אַלע זענען זיך געלאָפֿן אײַנפּאַקן. ס'האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן, אַז ס'איז נישט געשטויגן נישט געפֿלויגן. סטײַטש, האָט מען זי געפּרעגט, וואָס האָסטו געשריגן? האָט זי געענטפֿערט, אַז זי'ט ניש' געשריגן, נאָר עפּעס האָט פֿון איר אַרויסגעשריגן. אַז מ'זאָגט שלימזל, זאָלט עץ גאָרנישט רעדן. קורץ, פֿינקל איז דערווײַל אָפּגעשטאָרבן און ער'ט זי געירשנט. ר'איז געוואָרן דער גרעסטער גבֿיר אין שטאָט. ער'ט זיך פֿון דעסט וועגן געדונגען איבער דער קרקע. מ'האָט אים געמוזט אַוועקגעבן ס'אָרט האַלב אומזיסט. אַפֿילו חבֿרה־קדישא איז מיד געוואָרן.

ביז דעמאָלט האָט מען אים נישט גערופֿן קטלן. מאַלע אַ מאַנצביל ווערט צוויי מאָל אַן אַלמן. ס'זאָל אַזוי נישט טרעפֿן ווי ס'טרעפֿט. אָבער נאָך יענער מעשׂה האָט מען אים נישט אַנדערש גערופֿן ווי פּעלטע דער קטלן. חדר־ייִנגלעך האָבן אים נאָכגעטײַטלט: דער קטלן גייט. נאָך דער שיבֿעה האָט דער רבֿ נאָך אים געשיקט. ר' פּעלטע, זאָגט ער צו אים, איר זענט איצט ברוך־השם דער גרעסטער עושר אין טורבין. אַ העלפֿט געוועלבן פֿון מאַרק געהערן צו אײַך. איר זענט מיט גאָטס הילף גרויס געוואָרן. נו, איז שוין צײַט איר זאָלט זיך אַנדערש אויפֿפֿירן. וויפֿל איז דער שיעור זיך אָפּצוזונדערן פֿון אַלעמען? ס'האָבן אָבער נישט געפּועלט קיין רייד. מ'טענהט צו אים יאַקיש און ער ענטפֿערט פּיִוויש, אָדער ער פֿאַרבײַסט די ליפּן און שווײַגט. רעד צו דער וואַנט. אַז דער רבֿ האָט געזען די דיבורים זענען אַרויסגעוואָרפֿן, האָט ער אים געלאָזט גיין.

and the air was still, but when the groom was led past, the flames began to flicker. I shook with fear. The fiddles started to play a wedding tune, but it was a wail, not music that they made. The bass viol mourned. I wouldn't wish anyone ever to hear the like. To tell you the truth, I'd rather not go on with the story. It might give you nightmares, and I myself don't feel up to it. What? You do want to hear more. Very well. You will have to take me home. Tonight I won't walk home alone.

II

Where was I? Yes, Finkl got married. She looked more like a corpse than a bride. The bridesmaids had to support her. Who knows? Maybe she had changed her mind. But was it her fault? It was all from Above. I once heard of a bride who ran away from under the canopy. But not Finkl. She would rather be burned alive than humiliate anyone.

Need I tell you how it all ended? Can't you guess yourselves? May all the enemies of Israel come to such an end. I must say that this time he didn't pull his usual tricks. On the contrary, he tried to comfort her. But he gave off a black melancholy. She tried to lose herself in household duties. And young women came to visit her. There was a constant going back and forth, as with a woman in confinement. They told stories, they knitted, they sewed and asked riddles, anything to distract Finkl. Some even began to hint that perhaps it wasn't such an impossible match. He was rich, and a scholar too. Mightn't he become human living with her? It was reckoned that Finkl would become pregnant and have a baby and get used to her lot. Aren't there many unsuitable marriages in the world! But it wasn't fated that way. Finkl miscarried and had a hemorrhage. They had to bring a doctor from Zamoscz. He advised her to keep herself occupied. She did not become pregnant again, and then her troubles began. He tormented her, everybody knew that. But when she was asked: "What is he doing to you?" she would only say, "Nothing." "If he does nothing to you, why do you have such brown and blue rings around your eyes? And why do you go about like a lost soul?" But she would only say: "I don't know why myself."

How long did this go on? Longer than anyone expected. We all thought she wouldn't last more than a year, but she suffered for three and a half years. She faded like a light. Relatives tried to send her to the hot baths, but she refused to go. Things reached such a pass that people began to pray for her end. One mustn't say it, but death is preferable to such a life. She, too, cursed herself. Before she died, she sent for the rabbi to have him write her will. She probably wanted to leave her wealth for charitable purposes. What else? Leave it to her murderer? But again fate intervened. Some girl suddenly cried "Fire!" and everyone ran to look after his own things. It turned out that there had been no fire. "Why did you cry 'fire'?" the girl was asked. And she explained that it wasn't she who had shouted, but that something inside her had cried out. Meanwhile Finkl died, and Pelte inherited her property. Now he was the richest man in town, but he haggled over the cost of the grave till he got it for half-price.

Until then he hadn't been called Wife Killer. A man is twice widowed—such things happen. But after this he was always called Pelte the Wife Killer. *Cheder* boys pointed at him: "Here comes the Wife Killer." After the Seven Days of Mourning, the rabbi sent for him. "Reb Pelte," he said, "you are now the richest man in Turbin. Half the stores in the market place belong to you. With God's help you have become great. It is time you changed your ways. How long will you live apart from everyone else?" But no words impressed him. Talk of one thing to him, and he answers something entirely different; or he bites his lips and says nothing—you might as well talk to the wall. When the rabbi saw that it was a waste of time, he let him go.

אַ צײַט איז ער פֿאַרשוויגן געוואָרן. ער׳ט ווידער אָנגעהויבן אַליין באַקן ברויט און איז געקראָכן קלײַבן שפּענדלעך און שישקעס און מיסט צום הייצן. מ׳האָט פֿון אים געווײַכט ווי פֿון אַ פּעסט. ער איז אַפֿילו זעלטן געקומען אין שול אַרײַן. מ׳האָט געדאַנקט גאָט, אַז מ׳קוקט אים נישט אָן. בלויז דאָנערשטאָג איז ער אַרומגעגאַנגען מיטן וואָכערבוך אויפֿמאָנען חובֿות, אָדער פּראָצענטער. ר׳האָט אַלץ פֿאַרשריבן, גאָרנישט פֿאַרגעסן. אַז אַ סוחר האָט געזאָגט, אַז ר׳האָט גראָד נישט, ער זאָל קומען אײַפֿדערוואָך, איז ער נישט אַוועקגעגאַנגען, נאָר געבליבן שטיין און אַזוי לאַנג געגלאָצט מיט די רויטע אויגאַנעס, ביז יענעם איז געוואָרן אומהיימלעך און ער׳ט אַוועקגעגעבן דעם לעצטן גראָשן פּדיון. אַ גאַנצע וואָך האָט ער ערגעץ געכאָליעט הינטערן פּיעקעליק. אַזוי זענען אַריבער גוטע צען יאָר, און אפֿשר עלף. כ׳געדענק שוין נישט. ער איז שוין געווען אין די סוף פֿופֿציקער אָדער אפֿשר גאָר אַ זעכציקער. קיין שידוך האָט אים שוין קיינער נישט גערעדט. מ׳איז געווען גליקלעך, אַז מ׳האָט זײַן טריף פּרצוף נישט געזען.

מיט אַ מאָל האָט ווידער פּאַסירט אַ מעשׂה און דאָס וויל איך עץ זאָלט אויסהערן. כלעבן, מ׳וואָלט געקאָנט דערפֿון אַ בוך אָנשרײַבן. נאָר איכ׳ל עס מאַכן בקיצור. ס׳איז געווען בײַ אונדז אין טורבין אַ ייִדענע, האָט מען זי גערופֿן זלאַטע די כּלבֿטע. אַנדערע האָבן זי גערופֿן זלאַטע קאָזאַק, אָדער זלאַטע באַנאַך. פֿון די צונעמען אַליין קאָנט איר שוין מערקן וואָס פֿאַר אַ פֿאַרשווינטע דאָס איז געווען. מ׳טאָר נישט באַרעדן קיין שוכן־עפֿר, נאָר וואָס וואָר איז וואָר: פֿון נידעריקסטן און געמיינסטן. זי איז געווען אַ פֿישערין. דער מאַן אירער איז געווען אַ פֿישער. וואָס זי׳ט אָפּגעטאָן אין די יונגע יאָרן, איז אַ חרפּה צו דערציילן. זי איז געווען אַ מופֿקרת. אַלע האָבן געוווּסט. זי׳ט געהאַט ערגעץ אין די באַנאַכעס אַ ממזר. דער מאַן אירער איז געווען פֿריִער אַ הקדש־מאַן. ער׳ט געשלאָגן די קראַנקע און זיי באַרויבט. ווי אַזוי ר׳איז פּלוצעם געוואָרן אַ פֿישער ווייסעך נישט. נאָר וואָס איז דער חילוק? זיי פֿלעגן שטיין פֿרײַטאָג אויפֿן מאַרק מיט אַ קויבער פֿיש און שעלטן מיט טויטע קללות יעדן איינעם, צי מ׳האָט יאָ געקויפֿט צי נישט. ס׳האָט זיך פֿון איר געשאָטן ווי פֿון אַ לעכערדיקן זאַק. האָט מען איר געזאָגט, אַז זי גיט אַ פֿאַלשע וואָג, האָט זי אַ כאַפּ געטאָן דעם פֿיש בײַם ווידל און געשלאָגן. זי׳ט נישט בײַ איין ווײַבל ס׳הײַבל אַראָפּגעריסן. איין מאָל האָט מען זי חושד געווען אין אַ גנבֿה, איז זי אַוועק צום רבֿ און געשווירן פֿאַלש, בײַם טהרה־ברעט און שוואַרצע ליכט. נישט זי מיין איך נאָר די וואַנט: ס׳זאָל זי דאָרט וואַרפֿן הײַזער הויך. ווו זשע האַלט איך, האַ? יאָ, דער מאַן אירער — עבער האָט ער געהייסן, אַ משונהדיקער נאָמען, ער׳ט געשטאַמט ערגעץ פֿון גרויס־פּוילן — איז געשטאָרבן און זי איז געבליבן אַן אַלמנה. זי איז געווען אַזאַ מרשעת, אַז זי איז נאָכגעלאָפֿן נאָכן מאָנס מיטה און געהוילט: עבער, זאָלסט מיטנעמען מיט דיר אַלע אומטערגענג. נאָך דער שיבֿעה האָט זי ווידער זיך אַוועקגעשטעלט מיט אַ שאַף פֿיש. אַזוי ווי זי האָט גערעדט פֿאַר פֿײַער און וואַסער און געמאַכט פֿון אַלעמען אויסצודרייען, האָט מען זיך מיט איר אויך אַ וויצל געטאָן. אַ ווײַבל זאָגט צו איר: איר׳ט גאָרנישט מער חתונה האָבן, זלאַטע? זאָגט זי: פֿאַר וואָס נישט? כ׳בין נאָך אַ גאַנץ געשמאַקע נקבֿה. זי איז שוין דעמאָלט געווען אַן אַלטע תּרחטע. מיט וועמען וועט איר חתונה האָבן, זלאַטע? פֿרעגט מען זי ווידער. טוט זי אַ קלער און זאָגט: מיט פּעלטען.

די ווײַבער האָבן געמיינט, אַז ס׳איז אַ שפּאַס און זיי האָבן זיך צעלאַכט. אָבער ס׳איז גאָרנישט געווען קיין געלעכטער. עץ׳ט באַלד עפּעס הערן.

ג

אַ ווײַבל זאָגט איר: סטײַטש, ער איז דאָך אַ קטלן. זאָגט זי: וויפֿל ער איז ניש׳ קיין קטלן, בין איך אַ גרעסערע קטלנית. עבער איז ניש׳ געווען בײַ מיר דער ערשטער. דער שוואַרץ־יאָר ווייסט וויפֿל זי׳ט געהאַט פֿריִער. בײַ דעם סגאַל קאָן מען קיין מאָל ניש׳ וויסן. סך־הכּל איז זי נישט געווען קיין טורבינערין, נאָר דער רוח האָט זי אָנגעטראָגן ערגעץ פֿון יענער זײַט ווײַסל. נו, מאַלע וואָס אַזאַ גרוביאַן דברט. אָבער ס׳גייט נישט אַריבער קיין וואָך ווי מ׳הערט, אַז זלאַטע האָט נישט גערעדט פֿון די הוילע ווענט. צי זי׳ט אים אונטערגעשיקט אַ שדכן, צי זי האָט זיך אַליין געשדכנט, ווייסט מען נישט. סײַ ווי, ס׳איז געוואָרן אַ שידוך. די שטאָט האָט זיך געהאַלטן בײַ די זײַטן. שקר מיט שלימזל. אַלע האָבן געזאָגט ס׳אייגענע: ווען פֿינקל וואָלט געלעבט און געזען ווער ס׳ירשנט זי, וואָלט זי נאָך אַ מאָל געשטאָרבן. צווישן די געזעלן און די נייטאָרינס איז גלײַך געוואָרן אַ שפּאַרעניש: ווער וועט וועמען אַוועקלייגן? אָט אַזוי ווי כ׳דערצייל אײַך. מ׳האָט זיך אַפֿילו געוועט. די ווילע־יונגען האָבן געזאָגט, אַז אַנטקעגן פּעלטע קטלן איז קיינער קיין בריה נישט. די מוידן ווידער האָבן געטענהט, אַז זי איז פֿאָרט ייִנגער פֿון אים מיט עטלעכע יאָר און אַז קעגן איר מײַלכל

For a time he was silent. He began to bake his own bread again, and to collect chips and cones and dung for fuel. He was shunned like the plague. He seldom came to the synagogue. Everybody was glad not to see him. On Thursdays he went around with his book to collect debts or interest. He had everything written down and never forgot a thing. If a storekeeper said that he hadn't the money to pay him and asked him to come some other time, he wouldn't go but stayed right there, staring with his bulging eyes, till the storekeeper got tired of it and gave him his last cent. The rest of the week he hid away somewhere in his kitchen. At least ten years passed this way, perhaps eleven; I don't remember any more. He must have been in his late fifties, or perhaps in his sixties. Nobody tried to arrange a match for him.

And then something happened, and this is what I want to tell you about. As I live, one could write a book about it; but I will make it short. In Turbin there lived a woman who was called Zlateh the Bitch. Some called her Zlateh the Cossack. From her nicknames you can guess for yourselves what sort of a person she was. It is not right to gossip about the dead, but the truth must be told—she was the lowest and meanest sort. She was a fishwife and her husband had been a fisherman. It's shameful to tell what she did in her youth. She was a slut—everyone knew that. She had a bastard somewhere. Her husband used to work in the poorhouse. There he beat and robbed the sick. How he suddenly got to be a fisherman I don't know, but that makes no difference. Fridays they used to stand in the market place with a basket of fish and curse everyone, whether they bought or not. Curses tumbled from her mouth as from a torn sack. If someone complained that she cheated on the weight, she would grab a fish by the tail and strike out. She tore the wig from the head of more than one woman. Once she was accused of stealing, so she went to the rabbi and falsely swore before black candles and the board on which the dead are washed that she was innocent. Her husband was named Eber, a strange name; he came from far off in Poland. He died and she became a widow. She was so wicked that all through the funeral she howled, "Eber, don't forget to take along all troubles." After the Seven Days of Mourning, she again sold fish in the market place. Since she was a shrew and abused everyone, people taunted her. One woman said to her, "Aren't you going to remarry, Zlateh?" And she answered, "Why not? I'm still a tasty dish." Yet she was already an old hag. "Whom will you marry, Zlateh?" people asked her, and she thought a moment and said, "Pelte."

The women thought she was joking and they laughed. But it was no joke, as you will soon hear.

III

One woman said to her, "But he is a Wife Killer!" And Zlateh answered, "If he is a Wife Killer, I am a worse Husband Killer. Eber wasn't my first husband." Who could tell how many she had before him? She wasn't a native of Turbin—the devil brought her from somewhere on the other side of the Vistula. Nobody paid any attention to what she said, but hardly a week passed before everybody heard that Zlateh hadn't been talking at random. Nobody knew whether she sent a matchmaker or arranged the match herself, but the marriage was going through. The whole town laughed—a fitting pair, falsehood and wickedness. Everybody said the same, "If Finkl were alive and saw who was inheriting her place, she would die of grief." Tailors' apprentices and seamstresses at once began to wager who would outlast whom. The apprentices said that nobody was a match for Pelte the Wife Killer, and the seamstresses argued that Zlateh was younger by some years and that not even Pelte had a

וועט אַפֿילו פּעלטע נישט קאָנען באַשטיין. סײַ ווי, מ׳האָט געפּראַוועט אַ חתונה. איך בין אַליין אויף דער שוואַרץ־שימחה נישט געווען. איר ווייסט דאָך, אַז אַן אַלמן נעמט אַן אַלמנה, מאַכט מען נישט קיין צערעמאָניעס. נאָר מענטשן וואָס זענען געווען דערבײַ האָבן געהאַט אַ קאָמעדיע. די כלה האָט זיך אויסגעפּוצט אין עסיק און האָניק. שבת איז זי געקומען אין ווײַבערשול אַ האָפּערדיקע, אין אַ הוט מיט אַ פֿעדער. דאַווענען האָט זי נישט געקאָנט. איך בין אַליין דעמאָלט געווען אַ ווײַבל, כ׳האָב גראָד געפֿירט אַ כלה אין שול אַרײַן, און זי איז געשטאַנען לעבן מיר בײַ דער קראַטע. זי האָט איבערגענומען פֿינקלס שטאָט, ווײ צו די יאָרן. בײַם גאַנצן דאַווענען האָט זי גערעדט און באַלאַקעט. כ׳האָב געמיינט, אַז כ׳באַגראָב מיך פֿון חרפּה. עץ ווילט וויסן וואָס? גייט שוין, ווײַבלעך, ס׳איז כלעבן נישט כדאַי. זי׳ט אויסגערעדט אויפֿן מאַן וואָס אין דער קאָרט. ר׳עט לאַנג בײַ מיר נישט אָנטרײַבן, האָט זי געזאָגט. דאָס וואָס איר הערט. אַז מ׳שמועסט געהינטעכץ.

אַ שטיקל צײַט האָט מען אויפֿגעהערט רעדן וועגן זיי. נאָך אַלעמען, אַ שטאָט קאָן דאָך נישט אייביק האָבן צו טאָן מיט ניבֿזים. מיט אַ מאָל איז ווידער געוואָרן אַ געפּילדער. זלאַטע האָט געהאַט צוגענומען אַ דינסט, אַ קליין ווײַבעלע, מ׳האָט זי גערופֿן מיט אַ צונאָמען: ס׳באַטשעלע. זי איז נעבעך געווען אַן עגונה. נו, האָט ס׳באַטשעלע גענומען דערציילן מוראדיקע זאַכן. מאַן און ווײַב האָבן געפֿירט צווישן זיך אַ מלחמה. ס׳הייסט: נישט זיי אַליין, נאָר זייערע מזלות. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה מיט שאָדנס און אַלערליי טרעפֿעניש. איין מאָל, ווען זלאַטע איז געשטאַנען אין מיטן שטוב, איז אַראָפּגעפֿאַלן פֿון באַלקן דער הענגלײַכטער. ר׳איז אַ פֿאַל געטאָן האַרט לעבן איר. ס׳האָט געפֿעלט אַ האָר זי זאָל געניזוקט ווערן. אַהאַ, דער קטלן הייבט שוין אָן! — האָט זי אַ זאָג געטאָן — איכ׳ל אים באַלד געבן צו שמעקן פּולווער. צו מאָרגנס איז ער, פּעלטע, געגאַנגען אין מאַרק און זיך אויסגעגליטשט. ער איז אַ פֿאַל געטאָן פֿון בערגל אין אַ ריוו אַרײַן און האָט שיִער נישט ס׳געניק געבראָכן. יעדן טאָג האָט געטראָפֿן אַן אַנדער באַגעגעניש. דאָ האָט זיך אָנגעצונדן דער רוס אין קוימען און ס׳איז שיִער נישט געוואָרן אַ שׂרפֿה און דאָ איז אַראָפּגעפֿאַלן דער גזימס פֿון שאַנק און פּעלטע האָט קוים אַוועקגעכאַפּט דעם קאָפּ. ער וואָלט געווען צעשמעטערט געוואָרן ווי אַ שאַרבן. מ׳האָט געזען באַשײַמפּערלעך אַז ס׳איז: מײַן טויט, אָדער דײַן טויט. ס׳שטייט ערגעץ, אַז מיט יעדן מענטש גייען נאָך שדים, טויזנט פֿון דער לינקער זײַט און צען טויזנט פֿון דער רעכטער האַנט. ס׳איז געווען בײַ אונדז אַ מלמד, ר׳ איטשע געקוילעטער. אַט אַזוי האָט מען אים גערופֿן. ער איז געווען אַ טײַערער ייִד, אַ קובעלניק. האָט ער געזאָגט, אַז דאָס פֿירן צווישן זיך אַ שטרײַט יענע לײַט. אין אָנהייב איז נאָך אַלץ צוגעגאַנגען שאַ־שטיל. ס׳הייסט: מענטשן האָבן גערעדט, נאָר זיי אַליין, ס׳שלימזלדיקע פּאָרפֿאָלק, האָבן געשוויגן. אָבער דער סוף איז געווען, אַז זלאַטע איז געקומען צו לויפֿן צום רבֿ אַן אָפּגעקאָכטע. רבי, האָט זי אַ בריל געטאָן, כ׳קאָן עס מער נישט אויסהאַלטן. מאָלט אײַך אויס: כ׳האָב פֿאַרקנאָטן אַ טייג אין אַ מולטער און צוגעדעקט מיט אַ קישן. כ׳האָב געוואָלט אויפֿשטיין פֿאַר טאָג און באַקן ברויט. כ׳גיב אַ קוק בײַ נאַכט: ס׳יוירעכץ ליגט מיר אויפֿן געלעגער. ס׳איז זײַן שטיקל אַרבעט, רבי. ער׳ט זיך פֿאַרלייגט אויף מיר. ער וויל מיך אומברענגען. ס׳איז דעמאָלט געווען רבֿ בײַ אונדז ר׳ אײַזעלע תּאומים, אַ ייִד אַ צדיק. ער׳ט נישט געגלייבט די אייגענע אויערן. סטײַטש, צו וואָס זאָל אַ ייִד אָפּטאָן אַזאַ שמד־שטיק? איך פֿרעג אײַך, רבי. שיקט נאָך אים. זאָל ער אַליין זאָגן. מ׳האָט נאָך אים געשיקט דעם שמשׂ און ר׳איז געקומען. פֿאַרשטייט זיך, אַז ר׳האָט געלייקנט שטיין און ביין. זי מאַכט אויף מיר אַ בילבול. זי וויל פֿון מיר פּטור ווערן און מיך ירשענען. זי׳ט, זאָגט ער, געזאָגט אַ שפּרוך, אַז ס׳זאָל אָנקומען וואַסער אין קעלער. כ׳בין אַראָפּגעגאַנגען אַרויסנעמען אַ שטריק, בין איך שיִער נישט אַוועקגעשווומען. אַחוץ דעם האָט זי אָנגעשיקט מײַז. ער׳ט געשווירן, אַז זי ליגט בײַ נאַכט אין בעט און פֿײַפֿט. ווי נאָר זי נעמט פֿײַפֿן, אַזוי ווערט אַ קוויטשעניש און ס׳הייבן אָן צו לויפֿן עכברים פֿון אַלע לעכער. ער האָט געוויזן אַ שראַם אויף דער ברעם, דאָס האָט אים אַ מויז אַ ביס געטאָן. אַז דער רבֿ האָט געזען מיט וועמען ר׳האָט צו טאָן, זאָגט ער: פֿאָלגט מיך, גט אײַך. ס׳עט זײַן ווײַלער פֿאַר ביידן. זאָגט זי: דער רבי איז גערעכט, אַפֿילו שוין איצט; אָבער זאָל ער מיר אָפּשרײַבן אַ האַלב פֿאַרמעגן. כ׳על דיר אַפֿילו נישט געבן וויפֿל אַ שמעק טאַבעק איז ווערט, האָט ער געענטפֿערט. וועסט מיר נאָך מוזן צאָלן קנס. ער׳ט אַ כאַפּ געטאָן דעם שטעקן און איר געוואָלט דערלאַנגען. מ׳האָט אים קוים אָפּגע־ האַלטן. אַז דער רבֿ האָט געזען, אַז ער וועט דאָ גאָרנישט אויספֿירן, זאָגט ער: גייט אײַך געזונטערהייט. לאָזט מיך לערנען. און זיי זענען אַוועק.

chance once she opened her mouth. Anyway, the wedding took place. I wasn't there. You know that when a widower takes a widow, there's little fuss. But others who were there had lots of fun. The bride was all decked out. On Saturday she came to the women's gallery in the synagogue wearing a hat with a feather. She couldn't read. That Saturday I happened to take a new bride to the synagogue, and Zlateh stood right near me. She took Finkl's seat. She talked and jabbered all the time so that I didn't know what to do with myself for shame. And do you know what she said? She abused her husband. "He won't last long with me around," she said; just like that. A bitch—no doubt about it.

For some time nobody talked about them. After all, a whole town can't always bother with such scum. Then suddenly there was an outcry again. Zlateh had hired a maid, a little woman who had been abandoned by her husband. The maid started telling horrible stories. Pelte and Zlateh were at war—not just they, that is, but their stars. All sorts of things happened. Once Zlateh stood in the middle of the room and the chandelier fell down; it missed her by an inch. "The Wife Killer is at his tricks again," she said. "I'll show him something." The next day Pelte was walking in the market place; he slipped and fell into a ditch and nearly broke his neck. Every day something new happened. One time the soot in the chimney caught fire, and the entire house almost burned down; another time the cornice of the wardrobe fell and barely missed Pelte's skull. Everybody could see plainly that one or the other would have to go. It is written somewhere that every man is followed by devils—a thousand on the left and ten thousand on the right. We had a *malamed* in town, a certain Reb Itche the Slaughtered—that's what he was called—a very fine man who knew all about "those" matters. He said that this was a case of war between "them." At first things were fairly quiet; that is, people talked, but the unfortunate couple didn't say a thing. But in the end, Zlateh came running to the rabbi all atremble. "Rabbi," she shouted, "I can't stand it any more. Just think of it: I prepared dough in a trough and covered it with a pillow. I wanted to get up early to bake bread. In the middle of the night I see—the dough is on my bed. It's his work, Rabbi. He's made up his mind to finish me." At that time Reb Eisele Teumim, a true saint, was rabbi in the town. He couldn't believe his own ears. "Why should a man play such tricks?" he asked. "Why? You tell me why!" she answered. "Rabbi, send for him, let him tell it himself." The *shames* was sent and he brought Pelte. Naturally, he denied everything. "She is giving me a bad name," he cried. "She wants to get rid of me and get my money. She cast a spell to make water collect in the cellar. I went down there to get a piece of rope and was nearly drowned. Besides, she brought on a plague of mice." Pelte declared an oath that at night Zlateh whistled in bed, and that as soon as she started whistling there was a squeaking and a rushing of mice from all the holes. He pointed to a scar over his eyebrow and said that a mouse had bitten him there. When the rabbi realized whom he had to deal with, he said, "Take my advice and get divorced. It will be better for both of you." "The rabbi is right," Zlateh said. "I am willing, this very minute, but let him give me a settlement of half the property." "I won't give you the price of a pinch of snuff!" Pelte shouted. "What's more, you will pay me a fine." He grabbed his cane and wanted to strike her. He was held back with difficulty. When the rabbi saw that he would get nowhere in this case, he said, "Go your ways and leave me to my studies." So they went away.

פֿון דעמאָלט אָן איז אין שטאָט נישט געווען קיין מנוחה. ס׳איז פּשוט געווען אַ מורא פֿאַרבײַצוגיין ס׳געבײַ. די לאָדן זענען דאָרט געשטאַנען פֿאַרמאַכט. אַפֿילו בײַ טאָג. זלאַטע איז געוואָרן אויס פֿישערין. מ׳האָט געטאָן איין זאַך: מ׳האָט זיך אַרומגעהרגעט. די זלאַטע איז אַלע מאָל געווען אַ ריז. זי פֿלעגט אַליין אַוועקפֿאָרן צו די פּריצישע וואַסערן און העלפֿן אויסשפּרייטן די נעצן. זי פֿלעגט אויפֿשטיין ווינטער אין מיטן דער נאַכט. אין די גרעסטע פֿרעסט האָט זי נישט גענוצט קיין פֿײַערטאָפּ. דער טײַוול ט׳מיך נישט נעמען, פֿלעגט זי זאָגן, איך בין פֿון נאָזפֿלייש; ס׳איז מיר קיין מאָל נישט קאַלט. מיט אַ מאָל איז אויף איר אַרויף די עלטער. זי איז געוואָרן שוואַרץ ווי די ערד און געקנייטשט ווי אַ זקנה פֿון זיבעציק יאָר. זי האָט אָנגעהויבן אַרײַנקומען צו ווילד־פֿרעמדע לײַט פֿרעגן עצות. איין מאָל פֿאַלט זי אַרײַן צו מײַן מאַמען עליה־השלום און בעט מ׳זאָל זי לאָזן איבערנעכטיקן. די מאַמע האָט זי אָנגעקוקט אַ פֿאַרבליפּטע. וואָס איז געשען? — פֿרעגט זי. כ׳האָב מורא פֿאַר אים, ער וויל מיך אָפּרוימען, — ענטפֿערט זי. — ער מאַכט אָן ווינטן אין שטוב. זי׳ט דערציילט, אַז כאָטש די פֿענצטער זענען פֿון דרויסן פֿאַרקלעפּט מיט ליים און פֿאַרשטאָפּט אינעווייניק מיט שטרוי, לויפֿן אַרום צוגווינטן איבערן שלאָף־חדר. זי׳ט זיך געשווירן, אַז ס׳בעט האָט זיך אונטער איר אונטערגעהויבן, און אַז פעלטע גייט אַוועק אויף האַלבע נעכט, כ׳בעט איבער אײַער כּבֿוד, אין בית־הכּיסא. וואָס טוט ער אַזוי לאַנג אין אָפּטריט? — פֿרעגט די מאַמע. ר׳האָט דאָרט, זאָגט זי, אַ נקבֿה. כ׳בין גראָד געווען בײַ דער מאַמען אין אַלקער און אַלץ געהערט. דער ייִד האָט, אַ פּנים, געהאַט צו טאָן מיט אַ נישט־גוטס. די מאַמע איז געבליבן אַ דערציטערטע. האָרכט מיך, זלאַטע, האָט זי געזאָגט, גיט אים די צוועלף שורות און אַנטלויפֿט מיטן לעבן. כ׳זאָל וויסן, זאָגט זי, מ׳עט מיך אָפּגילטן, וואָלט איך מיט אַזאַ איינעם אונטער איין דאַך נישט געווינט. סטײַטש, ס׳איז דאָך פּיקוח־נפֿש. אָבער קאָזאַק בלײַבט קאָזאַק. אומזיסט, זאָגט זי, ווערט ער פֿון מיר נישט לויז. זאָל ער מיר געבן אַ נחלה. דער סוף איז געווען, אַז די מאַמע האָט איר אויסגעבעט אויף דער פֿלײשיקער באַנק. איך בין אויך געבליבן נעכטיקן אין דער היים. מיר האָבן קיינס קיין אויג נישט צוגעטאָן. פֿאַר טאָג האָט זי זיך אויפֿגעהויבן און איז אַוועק. די מאַמע האָט שוין נישט געקאָנט שלאָפֿן און זי׳ט אָנגעצונדן אין קיך אַ שערבעלע. כ׳האָב מורא, מאַטל, זאָגט זי צו מיר, אַז זי׳ט קיין לעבעדיקע פֿון זײַנע לאַפּעס נישט אַרויס. נו, מילא, זאָגט זי, אַ שאָדן אויף אַ האַלבן שילינגער. זלאַטע איז אָבער נישט געווען פֿינקל. אַזוי גיך האָט זי זיך נישט אונטערגעגעבן. עץ׳ט באַלד עפּעס הערן.

ד

וואָס זי האָט געטאָן, פֿרעגט עץ? כ׳ווייס נישט. גערעדט האָט מען פֿאַרשידנס, נאָר מאַלע וואָס מענטשן מאַטלען. די טוקערין האָט געזאָגט, אַז זי גייט ניש׳ קיין טבֿילה. צו וואָס האָט אַזאַ חלפּתא געדאַרפֿט גיין אין מיקווה אַרײַן? פֿרעגט מיך בחרם. מסתּמא האָט זי נאָך געהאַט די ווסת. אַנדערע ווידער האָבן געמורמלט, אַז זי׳ט אים געוואָלט מסרן און ער׳ט זיך דערשראָקן. וואָס זי׳ט אים געקאָנט מסרן, ווייסעך אויך ניש׳. קיין מולכער איז ער ניש׳ געווען. מיט קיין קאָנטראַבאַנד האָט ער נישט געהאַנדלט. נישט אַנדערש, נאָר זי האָט אים אָפּגעטאָן עפּעס אַ פּעולה. טייל האָבן געזאָגט, אַז זי׳ט אים פֿאַרפֿלאָכטן אַ קאָלטן, אַנדערע האָבן אײַנגערוימט, אַז זי׳ט אים אַרײַנגעטאָן אַ כּישוף אין אַ קנופּ. ס׳איז געווען בײַ אונדז אין שטעטל אַן אַלטע גויע, קונעגונדע. זי איז אַלט געווען הונדערט יאָר און אפֿשר מיט אַ שמיצל אַריבער. אַלע האָבן געוווסט, אַז זי איז אַ מכשפֿה. ס׳גאַנצע פּנים איז געווען פֿול מיט וואָרצלען. געגאַנגען איז דאָס כמעט אויף אַלע פֿיר. ס׳שטיבל אירס אויפֿן זאַמד איז פֿול געווען מיט אַלערליי חיות: קראָליקעס, ים־חזירימלעך, העזעלעך, קעץ, הינט, ווערעם. פֿייגעלעך זענען אַרײַן און אַרויס דורך די פֿענצטער. ס׳איז דאָרט געווען אַן אַוויר געסרחה. סײַ ווי, זלאַטע איז געוואָרן אַן אַרײַנגייערין צו איר. זי איז אָפּגעלעגן דאָרט גאַנצע טעג און ביידע האָבן געמאַכט מיט די פּיסקעס. די ערלית האָט געהאַט אַ כּוח אין גיסן וואַקס. אַז אַן ערל איז חולה געוואָרן, איז מען צו איר געקומען. פֿון וואַקס זענען אַרויס אַלערליי מענטשעלעך און שאַלעמויזן, און מ׳האָט געזען פֿון וואַנען די קרענק נעמט זיך. געהאָלפֿן האָט עס גאַנץ ווייניק. אַז ס׳זענען געקומען די חגאות איז געוואָרן אויף זיי אַ פּגירה. מ׳האָט אַ גאַנצן טאָג געשלעפּט און געבלעקעכצט...

From that time on the town had no rest. It was frightening to pass by their house. The shutters were always closed, even in the day time. Zlateh stopped selling fish, and all they did was fight. Zlateh was a giant of a woman. She used to go to the landowners' ponds and help spread the nets. She would get up in the middle of the night in winter, and in the worst frosts she never used a fire-pot. "The devil won't take me," she'd say. "I'm never cold." And now she suddenly aged. Her face blackened and was wrinkled like that of a woman of seventy. She started coming to strangers' houses to ask for advice. Once she came to my mother—peace be on her—and begged to be allowed to stay overnight. My mother looked at her as one demented. "What happened?" she asked. "I'm afraid of him," Zlateh said. "He wants to get rid of me. He makes winds in the house." She said that though the windows were sealed outside with clay and inside with straw, strong winds blew in her bedroom. She also swore that her bed would rise beneath her, and that Pelte spent half the nights in the outhouse—if you'll pardon the expression. "What does he do there so long?" my mother asked. "He has a mistress there," Zlateh said. I happened to be in the alcove and heard all this. Pelte must have had dealings with the Unclean Ones. My mother shuddered. "Listen to me, Zlateh," she said, "give him the 'dozen lines' and run for your life. If they were to give me my weight in gold, I wouldn't live under the same roof with anyone like that." But a Cossack never changes. "He won't get rid of me just like that," Zlateh said. "Let him give me a settlement." In the end, my mother made up a bed for her on the bench. We didn't shut an eye that night. Before dawn she got up and left. Mother couldn't fall asleep again and lit a taper in the kitchen. "You know," she said to me, "I have a feeling that she won't get out of his hands alive. Well, it won't be a big loss." But Zlateh wasn't Finkl. She didn't give up so easily, as you will soon hear.

IV

What did she do? I don't know. People told all sorts of stories, but you can't believe everything. We had an old peasant woman in town, Cunegunde. She must have been a hundred years old, maybe older. Everybody knew that she was a witch. Her whole face was covered with warts, and she walked almost on all fours. Her hut was at the end of town, on the sand, and it was full of all kinds of animals: rabbits and guinea pigs, cats and dogs, and all kinds of vermin. Birds flew in and out of the windows. The place stank. But Zlateh became a frequent visitor and spent whole days there. The woman knew how to pour wax. If a peasant was sick, he would come to her, and she'd pour molten wax which formed all sorts of strange figures and showed what the sickness came from—though it did little good.

איז ווו זשע האַלט איך ? יאָ, מ'האָט געזאָגט, אַז קונעגונדע האָט זי אויסגעלערנט *אַ צויבער. ווי ס'זאָל נישט זײַן,* — פּעלטע איז געוואָרן אַן איבערגעקערטער, ווייך ווי אַ פּוטער, אויס פּעלטע. זי'ט געוואָלט ער זאָל איר אָפּשרײַבן ס'הויז, האָט ער געדונגען פערד און וואָגן און מ'איז געפאָרן צום רעיענט. דערנאָך האָט זי זיך אָנגעהויבן מישן אין די געוועלבן. ער איז שוין נישט געגאַנגען דאָנערשטאָג מיטן בוך, נאָר זי — זלאַטע. זי'ט גלײַך פאַרלאַנגט אַ הוספה. די קרעמער האָבן געשריגן, אַז זיי וועלן ווערן בדיל הדל, נאָר זי'ט געענטפערט: וועט איר נעמען טאָרבעס און גיין איבער די הײַזער. מ'האָט געמאַכט אַן אַסיפה און געשיקט רופן פּעלטען. ער האָט קוים געשלעפּט די פיס. ר'איז געוואָרן טויב ווי די וואַנט. כ'האָב גאָרניש' צו שאַפן, האָט ער געטענהט, אַלץ איז אירס. זי קאָן מיך אַליין אויך אַרויסטרײַבן. זי וואָלט אים טאַקע משלח געווען, נאָר ער'ט איר נאָך נישט געהאַט אַלץ אָפּגעשריבן. מ'האָט זיך נאָך דאָרט געאַמפּערט און געדונגען. די שכנים האָבן געשמועסט, אַז זי גיט אים נישט צו עסן. ער איז פּשוט אַרײַנגעקומען אין אַ שטוב און געבעטן אַ פּענעץ ברויט. די הענט האָבן זיך אים געטרייסלט. אַלע האָבן געזען, אַז זלאַטע האָט אויסגעפירט ס'איריקע. טייל האָבן זיך געפרייט. ס'איז אים געצאָלט געוואָרן פאַר פינקלען. אַנדערע ווידער האָבן געטענהט, אַז זלאַטע וועט אָפּקוילען די שטאָט. אַ קליינינקייט, אַ באַזיץ פאַלט אַרײַן צו אַזאַ האַלידריגע! זי האָט זיך אַ נעם געטאָן בויען, מויערן, גראָבן. זי האָט געבראַכט בעל־מלאכות פון יאַנעוו און מ'האָט געהאַלטן אין איין מעסטן די גאַסן. זי'ט אָנגעטאָן אַ שויט מיט זילבערנע קעם און זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ שירעם און אַ בײַטל, גאָר מעשה פּריצה. זי איז אַרײַנגעפאַלן אין שטובן באַלד אין דער פרי, נאָך איידער מ'האָט צוגעבעט, און געקלאַפּט מיט דער פויסט אין טיש. כ'על ענק, זאָגט זי, אַרויסוואַרפן די בעבעכעס. כ'על ענק אײַנזעצן אין יאַנעווער קרימינאַל. כ'על ענק דערפירן צו בעטלברויט. ס'געמיינע פאָלק האָט זיך גענומען צו איר צושאַרן, זי'ט גאָרנישט געלאָזט צו זיך רעדן. מ'האָט ערשט דעמאָלט געזען, אַז מ'טאָר ניש' בעטן אויף קיין נײַעם מלך.

איין מאָל פאַר נאַכט עפנט זיך די טיר אין הקדש און פּעלטע קומט אַרײַן, אָנגעטאָן אין בעטלקליידער. דער הקדש־מאַן איז געוואָרן ווײַס ווי קאַלך. ר' פּעלטע, זאָגט ער, וואָס טוט איר דאָ ? כ'בין געקומען, זאָגט ער, אַהער ליגן. ס'ווײַב האָט מיך פאַריאָגט. וואָס זאָל איך אײַך דאָ לאַנג ברײַען: ער'ט איר געהאַט אַלץ אָפּגעשריבן, ביזן לעצטן העמד, און זי'ט אים באַלד דערנאָך אַרויסגעוואָרפן. סטײַטש, שרײַט צו אים די הקדש־יידענע, ווי טוט מען אָפּ אַזאַ זאַך ? פרעגט נישט, זאָגט ער, די מעשה איז רעכט. כ'בין קוים אַרויס מיט די ביינער. צווישן די קראַנקע איז געוואָרן שוואַרץ. טייל האָבן אים באַשיט מיט קללות. אפשר האָבן זיי זיך וויניק אָנגעשטאָפּט, די גבירים, קומען זיי נאָך אין הקדש אַרײַן אָפּעסן די אָרעמע־לײַט. אַנדערע ווידער האָבן כלומרשט געהאַט רחמנות. בקיצור, מ'האָט אים אָפּגעגעבן אַ בינטל שטרוי אין אַ ווינקל און ער'ט זיך אַוועקגעלייגט. די גאַנצע שטאָט איז געקומען און מ'האָט געגאַפט אויפן בייזן וואונדער. כ'בין אַליין אויך געווען אייטל און בין געלאָפן אַהין. ער איז געזעסן אויף דער ערד, ווי אַן אָבל, און אַלעמען אָנגעקוקט מיט זײַנע גרויסע אויגאַנעס. מ'פרעגט אים: וואָס זאָגט איר איצט, ר' פּעלטע ? ווו איז אײַער תקיפות ? איז פריִער שווײַגט ער, ווי נישט אים מיינט מען. דערנאָך רופט ער זיך אָן: זי איז נאָך נישט מײַנער פּטור. וואָס ט'איר איר טאָן ? — פרעגן אים די שנאָרערס — שיטן זאַלץ אויפן ווידל ? אָדער זי לאָדן צום נתנה תוקף ? מ'האָט געמאַכט אויס אים ס'גרעסטע געלעכטער. נאָר, שאַט, אײַלט אײַך נישט. מ'זאָגט: לאַכן לאַכט דער וואָס לאַכט דער לעצטער.

עטלעכע וואָכן האָט דער דראַב געאַרבעט מעשים, זי האָט אַלץ איבערגעקערט קאַפּויער. מ'האָט אין מיטן מאַרק, לעבן די געוועלבן, אויסגעגראָבן אַ ברייטן גרוב און געלאָשן קאַלך. מ'האָט געפירט קלעצער, געריסן דעכער, אָנגעלייגט הויפנס ציגל. מ'האָט נישט געקאָנט דורכגיין. ס'איז געקומען אַ שרײַבער פון יאַנעוו און אָפּגעשריבן בײַ די שכנים די אַלמערס. זלאַטע האָט אײַנגעהאַנדלט אַ קאַטש מיט צוויי פערד, ווי די לייבן, און זי איז געפאָרן נאָך וואָרמעס שפּאַצירן. זי האָט זיך אָנגעטאָן אַ האַבעלאַק, שיך מיט לאַנגע שפּיצן און זיך געלאָזט וואַקסן די קאַלטאַנעס. זי'ט אָנגעהויבן קלעפּן צו די גויים פון גאַש־געסל. זי'ט ערגעץ אָנגעקריגן צוויי בייזע הינט, מאַפּסן, און ס'איז געווען אַ מורא פאַרבײַצוגיין איר שוועל. די כלבים האָבן געקאָנט אויפעסן אַ מענטש. אַ דאָרפגייערין איז גראָד פאַרבײַ דעם הויף, האָט איר אַ הונט גאַנץ שיין אַראָפּגעריסן ס'קלייד. זי איז נעבעך געבליבן שטיין אין די בלויזע מײַטקעס. גוטע מענטשן האָבן איר אַרויסגעבראַכט אַ שמאַטע צו פאַרדעקן די שאַנד. מיט קיין פיש האָט זי שוין ניש' געהאַנדלט. צו וואָס האָט עס איר געטויגט ? אָבער זי האָט, אַ פּנים, נישט געקאָנט אויסקומען אָן פיש. ס'איז שוין געווען בײַ איר אַ געוווינהייט. זי האָט אָנגעשטעלט בײַ זיך וואַנעס וואַסער און ס'זענען דאָרט אַרומגעשווומען קאַרפּן, שלײַען, העכט. זי'ט אַפילו געהאַלטן אין אַ באַליע טרייפענע פיש, ראַקעס, פרעש, שלאַנגען. מ'האָט אָנגעהויבן רעדן אין שטאָט, אַז זי'ט זיך הײַנט־מאָרגן שמדן. מ'האָט שוין געהערט, אַז צו פּסח איז דער גלח צו איר געקומען באַשווענצלען. מ'האָט געציטערט זי זאָל חלילה נישט מסרן קהל, וואָרעם אַזאַ איינע איז קאַפּאַבל אויף אַלץ.

As I was saying, people in town said this Cunegunde taught Zlateh a charm. Anyway, Pelte became a changed man, soft as butter. She wanted him to transfer the house to her name, so he hired a team of horses and went to town to register the transfer. Then she started meddling in his stores. Now it was she who went about on Thursdays with the interest and rent book. She asked for increases right away. The storekeepers cried that they were losing their shirts, so she said, "In that case you can go begging." A meeting was held, and Pelte was called. He was so weak that he could barely walk. He was completely deaf. "There is nothing I can do," he said. "Everything belongs to her. If she wants to, she can drive me out of the house." She would have, too, but he hadn't transferred everything to her yet. He was still bargaining with her. Neighbors said that she was starving him. He used to go into houses and beg for a piece of bread. His hands shook. Everybody saw that Zlateh was having her way. Some were glad—he was being punished for Finkl. Others argued that Zlateh would ruin the town. It's not a small matter when so much property gets into the hands of such a beast. She began to build and to dig. She brought craftsmen from Yanov and they started measuring the streets. She put on a wig, with silver combs, and she carried a purse and a parasol, like a real aristocrat. She burst into homes early in the morning, before the beds were made, and she pounded on tables and shouted, "I'll throw you out with your junk. I'll have you locked up in the Yanov jail! I'll make beggars out of you!" Poor people tried to fawn on her, but she wouldn't even listen. Then people realized that it isn't wise to wish for a new king.

One afternoon the door of the poorhouse opened, and Pelte came in, dressed like a beggar. The man in charge of the poorhouse turned pale as a ghost. "Reb Pelte," he exclaimed, "what are you doing here?" "I came to stay here," Pelte answered. "My wife has thrown me out." To make a long story short, Pelte had transferred all his possessions to Zlateh, everything, down to the last thread, and then she chased him out. "But how does one do a thing like that?" he was asked. "Don't even ask," he answered. "She fixed me! I barely came out alive." The poorhouse was in an uproar. Some cursed Pelte. "As if the rich don't have enough as it is—now they come to eat the food of the poor," they cried. Others pretended sympathy. In short, Pelte was given a bundle of straw to spread in the corner, and he lay down. The whole town came running to see the sight. I, too, was curious and ran to see. He sat on the floor like a mourner and stared at everybody with his bulging eyes. People asked him, "Why do you sit here, Reb Pelte, what happened to all your power?" At first he didn't answer at all, as if they weren't talking to him, and later he said, "She isn't finished with me yet." "What will you do to her?" the beggars jeered. They made a laughing-stock of him. But don't jump at conclusions. You know the old saying: He laughs best who laughs last.

For several weeks Zlateh was a regular demon. She turned the whole town upside down. Right in the middle of the market place, near the stores, she had a pit dug and hired men to mix lime. Logs were brought and heaps of brick were piled up so that no one could pass. Roofs were torn down and a notary came from Yanov to make a list of all her tenants' belongings. Zlateh bought a carriage and a team of fiery horses, and she went riding every afternoon. She started wearing shoes with pointed tips and let her hair grow. She also began to pal around with the *goyim* of the Christian streets. She bought two vicious dogs, regular killers, so that it was dangerous to pass by her house. She stopped selling fish. What did she need it for? But out of habit, she had to have fish around, so she filled bathtubs in her house and stocked them with carp and pike. She even kept a big tub full of *treif* fish, and lobsters and frogs and eels. It was rumored in town that she would become an apostate any day. Some said that on Pesach the priest had come to her house to sprinkle it with holy water. People feared that she might inform on the community—someone like that is capable of anything.

מיט איין מאָל קומט זי צו לויפֿן צום רבֿ. רבי, זאָגט זי, שיקט נאָך פּעלטען. כ׳וויל, זאָגט זי, אַ גט. וואָס טויג אײַך אַ גט? — פֿרעגט זי דער רבֿ — איר ווילט נאָך חתונה האָבן? כ׳ווייס ניש׳, זאָגט זי, אפֿשר יאָ, אפֿשר ניש׳, נאָר כ׳וויל דעם קטלנס ווײַב ניש׳ זײַן. כ׳בין אים גרייט, זאָגט זי, מיט עפּעס צו פֿאַרגיטיקן. דער רבֿ האָט געשיקט נאָך פּעלטען דעם שמש. ער איז געקומען צו קריכן. ס׳גאַנצע שטעטל האָט באַלאַגערט די בית־דין־שטוב. ער איז נעבעך אויף אַלץ באַשטאַנען. הענט און פֿיס האָבן אים געציטערט, ווי אין פֿיבער. ר׳ משה סופֿר האָט זיך אַוועקגעזעצט שרײַבן דעם גט. ער שטייט מיר פֿאַר די אויגן: אַ קליין ייִדל מיט אַ שיקלדיק אייגל. ער׳ט געווירעט ס׳פּאַפּיר מיט א פּענמעסערל. ער׳ט אָפּגעווישט די גענדזענע פּען אָן שפּיץ יאַרמלקע. מ׳האָט געלערנט די עדות זיך חתמענען. מײַן מאַן עליו־השלום איז געווען איינער פֿון די עדות, ווײַל ר׳האָט געקאָנט שרײַבן געכּתיבֿהט. זלאַטע איז געזעסן ברייטלעך אויף אַ שטול און גענאַגט צוקערלעך. כ׳האָב פֿאַרגעסן צו זאָגן: זי׳ט אים אַוועקגעלייגט צוויי הונדערט גילדוינים. פּעלטע האָט זיי דערקענט. ער׳ט געהאַט אַ פֿירעכץ צו צייכענען ס׳געלט. דער רבי האָט געהייסן ס׳זאָל זײַן שטיל, נאָר זלאַטע האָט זיך באַרימט פֿאַר די ווײַבער. מ׳רעדט איר, האָט זי געזאָגט, מיט אַ פּאָסעסאָר. ווי לאַנג, זאָגט זי, דער קטלן איז מײַן מאַן, בין איך נישט זיכער מיט די פּאָר יאָר. און זי האָט געטאָן אַ לאַך, אַז מ׳האָט געהערט אין דרויסן.

אַז אַלץ איז געוואָרן פֿאַרטיק, האָט דער רבֿ גענומען אויספֿרעגן ס׳פּאָר־פֿאָלק. כ׳געדענק נאָך די ווערטער. הער נאָר, זאָגט ער, דו פּלטיאל — אַזוי ט׳מען אים גערופֿן צום ספֿר — בן שניאור־זלמן, ווילסטו אָפּגטן דײַן ווײַב? ער האָט געזאָגט נאָך עפּעס פֿון דער גמרא, נאָר כ׳קאָן ניש׳ נאָכזאָגן. זאָג, זאָגט ער, יאָ, נישט צוויי מאָל, נאָר איין מאָל. ער האָט געזאָגט יאָ. מ׳האָט קוים געהערט. הער נאָר דו זלאַטע־גאָלדע בת יהודה־טרײַטל, ווילסטו גטן דײַן מאַן פּלטיאל? יאָ, טוט זי אַ געשריי. ווי זי זאָגט יאָ — אַזוי טוט זי זיך אַ וואקל, פֿאַלט אַוועק אויף דער ערד און ווערט פֿאַרכאַפּט. ווײַבלעך, כ׳בין אַליין געווען דערבײַ און כ׳זאָג אײַך ניש׳ קיין ליגן. ס׳האָט זיך מיר אַ הייב געטאָן אין שיידל. כ׳האָב געמיינט כ׳פֿאַל אַוועק צוזאַמען מיט איר. ס׳איז געוואָרן אַ גוואַלד און אַ האַרמידער. אַלע האָבן זיך געוואָרפֿן מינטערן. מ׳האָט זי באַגאָסן מיט וואַסער, געשטאָכן מיט שפּילקעס, געריבן מיט עסיק, איר, פּרעמיסיאַן, געריסן די האָר. עזריאל רופֿא איז געקומען צו לויפֿן, און מ׳האָט איר אויפֿן אָרט געשטעלט געהאַקטע באַנקעס. זי׳ט נאָך געאָטעמט, נאָר ס׳איז מער נישט געווען זלאַטע. באַהיט זאָל מען ווערן: ס׳מויל האָט זיך איר אויסגעקרימט און ס׳איז גערונען דער גאַווער. די שוואַרצאַפּלען האָבן זיך איבערגעדרייט. די נאָז איז איר געוואָרן ווײַס, ווי בײַ אַ מת. די ווײַבער, וואָס זענען געשטאַנען נאָענט, האָבן געהערט ווי זי פּרעפּלט: ר׳איז מיך בײַגעקומען, דער קטלן. דאָס זענען געווען אירע לעצטע ווערטער.

בײַ דער לוויה האָט זיך געטאָן חושך. פּעלטע איז איצט ווידער געווען אויפֿן פֿערדל. אַחוץ זײַן אייגן פֿאַרמעגן, האָט ער אָנגעקריגן אויך איר האָב און גוטס. זי איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט גאָלד. ס׳צירונג אַליין איז ווערט געווען אַן אוצר. חבֿרה־קדישא האָט געוואָלט אַן אַפּותיקי, נאָר פּעלטע האָט זיי געוויזן אַ פֿײַג. מ׳האָט געשריגן, געסטראַשעט, געזידלט, געוואָרנט מיט די דרײַ אותיות, נאָר רעד צו אַ שטיין. כ׳על ניש׳ געבן, זאָגט ער, קאַ׳ פּרוטה. זאָל זי שטינקען. מ׳וואָלט זי געלאָזט ליגן, נאָר ס׳איז גראָד געווען אַ היץ און מ׳האָט מורא געהאַט פֿאַר אַן אונטערגאַנג. בקיצור, חבֿרה־ווײַבער זענען אַוועק און געטאָן איר רעכט. אַ ברירה האָט מען געהאַט? די נושׂאים האָבן זי נישט געוואָלט טראָגן און מ׳האָט זי געפֿירט אויף אַ פֿור. מ׳האָט זי באַגראָבן האַרט בײַם פּלויט, צווישן די נפֿלעך. פֿון דעסט וועגן האָט פּעלטע געזאָגט נאָך איר קדיש, דאָס יאָ.

פֿון דעמאָלט אָן איז דער קטלן געבליבן איינער אַליין. ער׳ט אַזאַ פּחד אָנגעוואָרפֿן, אַז מ׳האָט אויסגעמיטן פֿאַרבײַצוגיין זײַן געסל. מאַמעס פֿון מעוברתדיקע ווײַבלעך האָבן נישט געלאָזט מ׳זאָל זײַן נאָמען דערמאָנען, סײַדן מ׳האָט אָנגעטאָן צוויי פֿאַרטעכער. חדר־ייִנגלעך האָבן איבערגעקוקט די ציצית. פֿון די אַלע איבערבויעכצער און פֿאַרריכטעכצער האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. די ציגל האָט מען צעטראָגן. דעם קאַלך — צעגנבֿעט. די קאַרעטע מיט די פֿערד איז ערגעץ נעלם געוואָרן. מסתמא האָט ער דאָס פֿאַרקויפֿט. ס׳וואַסער אין די וואַנעס איז אויסגעטריקנט געוואָרן און די פֿיש זענען אָפּגעשטאַנען. ס׳איז דאָרט געווען אַ שטײַג מיט אַ פּאַפּוגײַ, האָט ער אַזוי לאַנג זיך געריסן: כ׳בין הונגעריק — ר׳האָט געקאָנט רעדן ייִדיש — ביז ר׳איז אַוועקגעפּגרט. פּעלטע האָט צוגעמאַכט די לאָדנס אויף די האָקנס און ער׳ט זיי מער קיין מאָל נישט געעפֿנט. ער׳ט אַפֿילו מער נישט צונויפֿגענומען ס׳ביסל מינץ בײַ די קרעמער. אַ גאַנצן טאָג איז ער געלעגן אויפֿן באַנקבעט און געשנאָרכט, אָדער גלאַט געדרימלט. בײַ נאַכט איז ער אַרויס אָנקלײַבן שפּענער. איין מאָל אין דער וואָך האָט מען אים פֿון בעקער געשיקט אַ פּאָר לאַבנס ברויט. די בעקערין האָט אײַנגעקויפֿט פֿאַר אים אַ מעסטל ציבעלעס, אַ קראַנץ קנאָבל, רעטעך, ריבלעך, און אַ מאָל אויך אַ שטיקל דאַרן קעז. קיין פֿלייש האָט ער אין גאַנצן נישט פֿאַרזוכט. שבת איז ער נישט געקומען דאַווענען. קיין בעזעם האָט מען דאָרט פֿאַר די אויגן נישט געזען און ס׳האָבן זיך אָנגעזאַמלט בערגער אָפּפֿאַל ביז צום בעליק.

*Suddenly, she came running to the rabbi.* "Rabbi," she said, "send for Pelte. I want a divorce." "What do you want a divorce for?" the rabbi asked her. "Do you want to remarry?" "I don't know," she said. "Maybe yes and maybe no. But I don't want to be the wife of a Wife Killer. I'm willing to compensate him with something." The rabbi sent for Pelte and he came crawling. Everybody in town stood outside the rabbi's house. Poor Pelte, he consented to everything. His hands shook as in a fever. Reb Moishe the Scribe sat down to write out the divorce. I remember him as if this happened yesterday. He was a small man and had a tic. He ruled the paper with his penknife, and then he wiped the goose quill on his skull cap. The witnesses were instructed how to sign divorce. My husband, peace be on him, was one of the witnesses because he wrote a good hand. Zlateh sat comfortably on a chair and sucked candy. And, yes, I forgot to mention it, she put down two hundred rubles. Pelte recognized them—he had had a habit of marking his money. The rabbi ordered silence, but Zlateh boasted to the women that she was considering marrying a "possessor," but that "as long as the Wife Killer is my husband, I am not sure of staying alive." When she said this she laughed so that everybody outside heard her.

When everything was ready, the rabbi began questioning the couple. I still remember his words. "Hear me, Paltiel, son of Schneour Zalman"—that was the name by which Pelte was called up to the reading of the Torah—"do you want to divorce your wife?" He said something more, from the *Gemorra,* but I can't say it as he did. "Say 'yes,' he ordered Pelte. "Say 'yes' once, not twice." Pelte said "yes." We could hardly hear him. "Hear me, Zlateh Golde, daughter of Yehuda Treitel, do you want to divorce your husband, Paltiel?" "Yes!" Zlateh shouted, and as she said this she swayed and fell to the floor in a faint. I saw this myself, and I tell you the truth; I felt my brain bursting in my head. I thought I'd collapse too. There was a great outcry and commotion. Everybody rushed to revive her. They poured water on her and stuck pins into her and rubbed her with vinegar and pulled her hair. Azriel the Healer came running and cupped her then and there. She still breathed, but it wasn't the same Zlateh. May God preserve us. Her mouth was twisted to one side and the spittle ran out of it; her eyes were rolled up and her nose was white, like that of a corpse. The women who stood near, heard her mumble, "The Wife Killer! He overcame me!" These were her last words.

At the funeral there was almost a riot. Now Pelte was again on his high horse. Beside his own property he now also had her wealth. Her jewelry alone was worth a fortune. The burial society wanted a big sum, but Pelte wouldn't budge. They shouted, they warned, they abused him. They threatened him with excommunication. Might as well talk to the wall! "I won't give a penny, let her rot," he said. They would have left her lying around, too, but it was summertime and there was a heat wave just then, and people feared an epidemic. In short, some women performed the rites—what other choice was there? The pall-bearers refused to carry her, so a wagon was hired. She was buried right near the fence, among the stillbirths. All the same, Pelte said *kaddish* after her—this he did.

From then on the Wife Killer remained alone. People were so afraid of him, they avoided passing by his house. Mothers of pregnant young women did not allow his name to be mentioned, unless they first put on two aprons. *Cheder* boys fingered their fringes before pronouncing his name. And nothing came of all the construction and remodelling. The bricks were carried off, the lime was stolen. The carriage and its team of horses disappeared—he must have sold them. The water in the bathtubs dried up, and the fish died. There was a cage with a parrot in the house. It squawked, "I'm hungry"—it could talk Yiddish—until at last it starved to death. Pelte had the shutters nailed tight and never opened them again. He didn't even go out to collect the pennies from the storekeepers. All day he lay on his bench and snored, or simply dozed. At night he'd go out to collect chips. Once each week, they sent him two loaves of bread from the bakery, and the baker's wife would buy him some onions, garlic, radishes and, on occasion, a piece of dry cheese. He never ate meat. He never came to the synagogue on Saturdays. There was no broom in his house and the dirt gathered in heaps. Mice ran about even dur-

ing the day and spider webs hung from the rafters. The roof leaked and wasn't repaired. The walls rotted and caved in. Every few weeks it was rumored that things were not well with the Wife Killer, that he was sick, or dying. The burial society rubbed its hands in anticipation. But nothing happened. He outlived everyone. He lived so long that people in Turbin began to hint that he might live forever. Why not? Maybe he had some special kind of blessing, or the Angel of Death forgot him. Anything can happen.

Rest assured that he was not forgotten by the Angel of Death. But when that happened I was no longer in Turbin. He must have been a hundred years old, maybe older. After the funeral his entire house was turned upside down, but nothing of value was found. The chests had rotted away. The gold and silver were gone. The money and notes turned to dust the minute a breeze touched them. All the digging in the heaps of rubbish was wasted. The Wife Killer had outlived everything: his wives, his enemies, his money, his property, his generation. All that was left after him—may God forgive me for saying so—was a heap of dust.

*Translated by Shlomo Katz*

מײַז זענען אַרומגעלאָפֿן אין מיטן טאָג. פֿון די באַלקנס האָבן נאָכגעהאַנגען שפּינגעוועבן. דער דאַך איז געוואָרן צעבראָכן, נאָר קיינער האָט אים נישט פֿאַרריכט. די ווענט האָבן געפֿוילט. די דילן זענען אײַנגעזונקען. אַלע עטלעכע וואָכן האָט מען געגומען מורמלען, אַז ס'האַלט שלעכט מיטן קטלן. ער איז שלאַף, ער גוססט, ער שטאַרבט. חבֿרה־קדישא האָט זיך גענייט אַ בײַטל. נאָר ווייסעד וואָס. ר'האָט אַלעמען איבערגעלעבט. ר'האָט אַזוי לאַנג געלעבט, אַז מ'האָט אָנגעהויבן רעדן אין טורבין, אַז ער'ט לעבן אייביק. אַ קשיא אויף אַ מעשׂה? אפֿשר האָט ער געהאַט עפּעס אַ ברכה, אָדער דער מלאך־המוות האָט אין אים פֿאַרגעסן. אַלץ קאָן טרעפֿן.

ס'האָט אים, מאַלט אײַך אויס, נישט געמיטן. נאָר איך בין דעמאָלט אין טורבין שוין ניש' געווען. ר'האָט געמוזט אַלט זײַן אַ הונדערטער, און אפֿשר מער. נאָך דער קבֿורה האָט מען איבערגעקערט ס'הויז קאַפּויער, נאָר ס'איז נישט געווען וואָס צו נעמען. די קופֿערטן זענען זיך צעפֿאַלן אויף פּראָך. ס'גאָלד און זילבער איז אויסגערונען. די וועקסלען און פּאַפּירן זענען פֿון אַ בלאָז געוואָרן שטויב. די גבאים האָבן טעג נאָך אַנאַנד זיך געגראָבן אין קויט, נאָר אומזיסט. דער קטלן האָט געהאַט אַלץ איבערגעלעבט; די ווײַבער, די שונאים, ס'געלט, ס'פֿאַרמעגן, ס'גאַנצע דור. נישט זינדיקן זאָל איך מיט די רייד; ס'איז געבליבן נאָך אים אַ באַרג מיסט.

# *Three Tales*

I

There were three in the circle: Zalman the glazier, Meyer the eunuch, and Isaac Armshinover. Their meeting place was the Radzyminer study house where they visited daily to tell each other stories. Meyer was only present two weeks out of every month; being one of those whom the Talmud calls periodic madmen, he was out of his mind the other two. On nights when the full moon shone, Meyer paced up and down in the study house, rubbing his hands together, and muttering to himself. Though tall, his shoulders were so stooped he looked like a hunchback. His bony face was as smooth, or perhaps even smoother than a woman's. He had a long chin, high forehead, crooked nose. His eyes were those of a scholar. It was said that he knew the Talmud by heart. When he was not deranged, he peppered his talk with Hassidic proverbs and quotations from learned books. He had known the old rabbi of Kotsk and remembered him well. Both summer and winter, he dressed in an alpaca gabardine that reached to his ankles, wore mules and white stockings on his feet, and two skullcaps, one in the front and one in the back on his head; on top of them he put his silk hat. Though already an old man, Meyer had straight-hanging earlocks and a head of black hair. When he was in his sick periods, he apparently didn't eat, but the other half of the month fed on oatmeal porridge and chicken soup brought to the study house by pious women. He slept in a dark alcove at the house of a teacher.

It being the end of the month and a moonless night, Meyer the eunuch was rational. Opening a bone snuffbox, he took a pinch of tobacco mixed with ether and alcohol. He then offered pinches to Zalman the glazier and Isaac Amshinover, even though they had their own snuffboxes. So absorbed was he in his own thoughts that he scarcely heard what Zalman was saying. Wrinkling his brow, he pulled with his thumb and index finger at his beardless chin.

# דרײַ מעשׂיות

געווידמעט אַהרן צייטלין

א

זיי זענען געזעסן יעדן טאָג אין ראַדזימינער שטיבל און דערציילט מעשׂיות; זלמן גלעזער, ר' לוי־יצחק אַמשינאָווער און מאיר טומטום. מאיר טומטום האָט פֿאַרבראַכט מיט זיי בלויז צוויי וואָכן אין חודש, ווײַל די אַנדערע צוויי וואָכן איז ער משוגע. ער האָט געהערט צו יענע וואָס די גמרא רופֿט אָן; עתּים חלים, עתּים שוטה. ווען ס'האָט געשײַנט אין די נעכט די לבֿנה האָט מאיר אַרומגעשפּאַנט אַהין און צוריק איבערן שטיבל, אָדער גאָר אין הויף, געריבן די הענט און גערעדט צו זיך אַליין. מאיר איז געווען אַ הויכער, אָבער בײַ די סאַמע אַקסלען האָט דער רוקן זיך אויסגעקרימט אין אַ הויקער. דאָס ביינִיקע פּנים איז גלאַטיק ווי בײַ אַ יידענע און נאָך גלאַטיקער, אָן אַ שפּור פֿון אַ באָרד. דער קין איז לאַנג, דער שטערן הויך, די נאָז קרום. פֿון די אויגן האָט אַרויסגעקוקט די קפּדנות פֿון אַ למדן. מ'האָט אים גערימט אַז ער קאָן ש"ס פֿון אויסנווייניק. ווען ער איז געווען בײַם זינען, האָט ער געשאָטן מיט תּורה, חסידישע זאָגענישן, גלײַכווערטלעך. ער איז נאָך געהאַט געפֿאָרן מיטן טאַטן צום אַלטן קאָצקער. געטראָגן האָט מאיר זומער און ווינטער אַ ריפּסענע קאַפּאָטע ביז די קנעכלעך, שיך און זאָקן, אַ זײַדן היטל מיט אַ הויכער דענקע איבער צוויי יאַרמלקעס, איינע פֿון פֿאָרנט און איינע פֿון הינטן. פּאות האָט ער געהאַט גלײַכע און אַ קאָפּ האָר וואָס איז געבליבן שוואַרץ און געדיכט ביזן טיפֿן עלטער. אין די צערודערטע טעג האָט ער, אַ פּנים, אין גאַנצן געפֿאַסט. אין אַנדערן האַלבן חודש האָבן גבאיטעס אים געבראַכט גריצן און יײַכלעך. גענעכטיקט האָט ער ערגעץ בײַ אַ מלמד אין אַ פֿינצטערן אַלקער.

איצט, אין סוף חודש, זענען די נעכט פֿינצטערע און מאיר טומטום איז בײַ די קלאָרע געדאַנקען. ער האָט אַרויסגענומען אַ ביינערנע פּושקע און געשמעקט טאַבעק וואָס ער האָט אין אים אַרײַנגעטאָן אַקעוויט און האַרבשטאַרק. ער האָט מכבד געווען מיט אַ שמעק טאַבעק זלמן גלעזער און לוי־יצחקן ווי וויל זיי האָבן געהאַט אייגענע שקעטעלעך. מיט אַ ראַנד אויער האָט מאיר זיך צוגעהערט צו זלמנס רייד, אָבער ער האָט דערבײַ געטראַכט די אייגענע מחשבֿות. ער האָט פֿאַרצויגן די ברעמען און מיט דעם דוימען און ווײַזפֿינגער געצופּט דאָרט וווּ ס'וואָלט באַדאַרפֿט וואַקסן אַ באָרד.

ר׳ לוי־יצחק איז אַ מאָל געווען אַ געלער, און געל־האָריקע ווערן קיין מאָל נישט אין גאַנצן גרוי. ס׳איז פֿאַרבליבן אַ רעשטל געלקייט אין די פּאות, אין די ברעמען, אין דער באָרד. ער האָט געטראָגן בלויע ברילן איבער די טראַכאָמע־אויגן און זיך אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקן וואָס האָט אַ מאָל געהערט צו ר׳ כאַצקעלע קוזמירער. ר׳ לוי־יצחק האָט דערמאָנט, אַז גבֿירים האָבן געפּרוווט אָפּקויפֿן דעם שטעקן פֿאַר אַ שלל מיט גאָלד. אָבער ווער וועט דאָס פֿאַרקויפֿן אַ שטעקן וואָס ר׳ כאַצקעלע האָט אויף אים אָנגעלענט די הייליקע האַנט? ר׳ לוי־יצחק האָט מיט דעם שטעקן פֿאַר־דינט זײַן אויסקומעניש. ער האָט אים געגעבן צו האַלטן שווערע געווינערינס, קינדער שלאַפֿע אויף שאַרלאַך, קאָקלהוסט, קראָפּ. מ׳האָט מיט דעם שטעקן געטריבן שדים, געיאָגט דיבוקים, געהיילט ווינקלבראָכן, געפֿונען באַגראָבענע געלטער און צירונג. אין דער וואָכן האָט ר׳ לוי־יצחק אים נישט אָפּגעלאָזט אַפֿילו בײַם דאַווענען. בלויז שבת און יום־טובֿ האָט ער אים פֿאַרשלאָסן אין שולחן. איצט האָט ער געהאַלטן אויף דעם אויער פֿון שטעקן ביידע הענט — אָדעריקע, מיט בלייכע פֿינגער באַוואָקסן מיט געלע הערעלעך. ר׳ לוי־יצחק האָט געליטן אויפֿן האַרץ, אויף די לונגען, אויף די נירן. מ׳האָט געשמועסט צווישן חסידים אַז דער שטעקן לאָזט אים נישט שטאַרבן.

זלמן גלעזער איז געווען הויך, ברייטפּלייציק, מיט געדיכטע ברעמען־באַרשטן און אַ קנוליקער באָרד וואָס האָט געהאַט דעם קאָליר פֿון פֿעפֿער. צו אַכציק יאָר האָט ער נאָך יעדן טאָג אויסגעטרונקען צוויי קאָוועגלעזער ברענשפּירט. אויף אָנבײַסן האָט ער פּאַמעלעך אויפֿגעגעסן אַ צוויי־פֿונטיק לעבל ברויט מיט אַ ציבעלע און פֿאַרטרונקען מיט אַ שעפּ וואַסער. זלמנס ווײַב, געבוירן אַ קריפּל, האָט נישט געקאָנט רירן מיט די הענט און די פֿיס און איז געווען האַלב שטום פֿאַר אַ צולאָג. יונגערמאַנווײַז פֿלעגט זלמן זי פֿירן אין מיקווה אין אַ וועגעלע. דער דאָזיקער צעבראָכענער שאַרבן האָט געהאַט געבוירן זלמנען אַכט געזונטע זין און טעכטער. ער האָט מער נישט געדאַרפֿט אָנקומען צו גלעזערײַ ווײַל דער עלטסטער זון, אַ נגיד, האָט אים געשיקט אויף אויסהאַלטעניש. זלמן האָט געוווינט מיט דעם ווײַב אין אַ פּיצעלע שטיבעלע מיט אַ גאַלעריע. זלמן האָט אַליין געקאָכט און אָנגע־קאָרמעט ס׳ווײַב.

איצט איז ער געזעסן און דערציילט אַ מעשה פֿון דער צײַט ווען ער האָט געוווינט אין ראַדאָשיץ און איז אַרומגעגאַנגען מיטן קאַסטן גלאָז איבער די דערפֿער. ער האָט געטענהט:

— הײַנט זענען דען דאָ פֿרעסט? נאָט אײַך אַ גראָשן פֿאַר הײַנטיקע פֿרעסט. הײַנט אַז די ווײַסל ווערט געפֿרוירן, מיינט מען שוין ס׳איז אַ קאַלטער ווינטער. אין מײַן צײַט האָט זיך געשטעלט די קרירה באַלד נאָך סוכּות און ס׳האָט געטראָפֿן אַז פּסח־צײַט איז מען אַריבער דעם טײַך צו פֿוס. ס׳זענען געשטאַנען אַזוינע פֿרעסט אַז דעמבעס האָבן געפּלאַצט אין די וועלדער. וועלף זענען געקומען בײַ נאַכט קיין ראַדאָשיץ גנבֿענען הינער. די אויגן האָבן געלויכטן אין דער פֿינצטער ווי ליכטלעך. פֿון געהויל האָט מען געקאָנט פֿון זינען אַראָפּ. איין מאָל אין מיטן שבֿט איז געוואָרן אַ האָגל. שטיקער אײַז זענען געפֿאַלן ווי גענדזענע אייער. זיי זענען אַרײַנגעפֿאַלן דורכן קוימען אין די טעפּ גריץ. איך געדענק אַ רעגן ווען ס׳זענען געפֿאַלן פֿון הימל לעבעדיקע פֿיש און חיהלעך וואָס מען האָט נישט געוווסט וואָס זיי זענען. זיי זענען געקראָכן איבער דער גאַס.

— ווו נעמען זיך אין הימל פֿיש? — האָט לוי־יצחק געפֿרעגט.

— די וואָלקנס טרינקען זיך אָן אין די טײַכן. אין אַ דאָרף לעבן ראַדאָשיץ איז אַ מאָל אַראָפּגעפֿאַלן פֿון הימל אַ שלאַנג. פֿון דעם פֿאַל איז זי געפּגרט, אָבער זי איז נאָך אָפּגעקראָכן פֿון דער שענק ביז צום ברונעם. דאָרט איז זי געבליבן טויט. די פּויערים האָבן מורא געהאַט זי אָנצורירן און זי האָט פֿאַרשטונקען ס׳דאָרף.

— אין מדרש תּלפּיות ווערן געבראַכט אַ סך אַזוינע טראָפֿן — האָט מאיר טומטום זיך אָפּגערופֿן.

— וואָס טויג מיר דער מדרש תּלפּיות? כ׳האָב אַלץ געזען מיט די אייגענע אויגן. הײַנט זענען נישטאָ אין די וועלדער קאַ׳ גזלנים. מײַן זיידע האָט נאָך געדענקט דעם גזלן דאָבאָש. ער איז געווען דער קעניג פֿון די גזלנים. זיי האָבן געציטערט פֿאַר אים אימת־מוות. אָבער די וואָרע הערשערין איז געווען די מוטער זײַנע, אַ זקנה פֿון נײַנציק יאָר. זי האָט צוגעגרייט אַלע

Isaac Amshinover's hair had not turned entirely gray; here and there traces of red were still to be seen in his eyebrows, earlocks and beard. Reb Isaac suffered from trachoma and wore dark glasses; he supported himself on a cane that had once belonged to Rabbi Chazkele of Kuzmir. Reb Isaac swore that he had been offered a large sum of money for the cane. But who would think of selling a stick that had known the hand of so saintly a rabbi? Reb Isaac earned his living with that cane. Women who were having difficult pregnancies borrowed it; it was also used to cure children suffering from scarlet fever, whooping cough, and croup, and was reputed to be helpful in exorcising dybbuks, stopping hiccups, and locating buried treasures. Reb Isaac did not lay the cane down even when praying. Saturdays and holidays, however, he locked it in the lectern. At the moment it was firmly clasped in his hairy, blue-veined hands. Reb Isaac had a weak heart, bad lungs, and defective kidneys. The Hasidim remarked that he would have been dead if he hadn't had Reb Chazkele's cane.

Zalman the glazier, a tall, broad-shouldered man, had a bushy beard the color of pepper and eyebrows as thick as brushes. Though eighty years old, he still drank two tumblers of vodka daily. For breakfast he had an onion, a radish, a two pound loaf of bread, and a pitcher of water. Zalman's wife, born crippled, was half mute, and could use neither her arms nor her legs. In her youth, Zalman had transported her to the ritual bath in a wheelbarrow. This broken shell of a woman had borne him eight sons and daughters. Zalman no longer worked at his craft because he received a pension of twelve rubles a month from his oldest son, a wealthy man. He and his wife lived in a small room which had a balcony that was reached by a ladder. Zalman did his own cooking and fed his wife like a baby. He even emptied the chamber pots.

Tonight he was telling of the time when he had lived in Radoshitz and traveled from village to village bearing a wooden frame loaded with glass on his back.

"Are there any real frosts today?" he inquired. "I wouldn't give you two kopeks for what they consider a freeze now. They think it's winter when there's ice on the Vistula. In my day the cold began just after the Feast of Tabernacles and at Passover you could still cross the river on foot. It was so cold then the trunks of oak trees burst. Wolves used to steal into Radoshitz at night and run off with chickens. Their eyes shone like candles. Their howling would drive you crazy. Once it hailed stones as big as goose eggs. They broke the shingles on the roofs. Some of the hail fell through the chimneys into the pots. I remember a storm when living fish and little animals fell from the sky. You could see them crawling in the gutters."

"How come there was fish in the sky?" Isaac Amshinover asked.

"Don't the clouds drink from the rivers? In one of the villages near Radoshitz a snake dropped down. The fall killed it, but before it died it crawled into a well. The peasants were afraid to touch it; the rotting carcass made the most awful stink."

"There are many similar occurrences mentioned in the *Midrash Talpioth*," interrupted Meyer the eunuch.

"What do I need the *Midrash Talpioth* for? I've seen it all with my own eyes. Nowadays there aren't many highwaymen. But in my time the forests were infested with them. They lived in caves. My father remembered seeing the king of them all, the notorious bandit Dobosh. Everyone was scared stiff of him. But he was only a figurehead; his mother was the power behind the throne. She was ninety years old, and she planned out everything, told

פלעגנער; ווו מ׳זאָל רויבן, וועמען מ׳זאָל באַרויבן, ווו מ׳זאָל באַהאַלטן די גזלה און ווו מ׳זאָל אָפּזעצן. זי איז געווען אַ כּישוף־מאַכערין אויך. זי׳ט געזאָגט אַ שפּרוך און עמעץ האָט געקראָגן די ניכפּה. מ׳האָט דערציילט אַז ר׳ לייב שׂרהס איז שיִער נישט אַרײַנגעפֿאַלן אין איר נעץ. זי איז נאָך דעמאָלט געווען אַ יונגע מרשעת, אַ חצופֿה. ר׳ לייב שׂרהס פֿלעגט דאַווענען שחרית אין וואַלד מיט זונשפּראָץ. פֿריִער האָט ער זיך געטובֿלט אין אַ טײַכל וואָס האָט געשטראָמט אין וואַלד. ער טוקט זיך אונטער און שטעקט אַרויס דעם קאָפּ — די דאָבאָשע שטייט קעגן אים מוטער־נאַקעט, מיט צעלאָזטע האָר, גרייט אים צו פֿאַנגען. ער האָט אויף איר אָנגעשריגן נאָר זי האָט גענומען מאַכן אירע שוואַרצע קונצשטיק. דעמאָלט האָט ר׳ לייב אַרויסגע־זאָגט אַ שם און ס׳איז געוואָרן אַ שטורעם. דער ווינט האָט זי אַ כאַפּ געטאָן בײַ די קודלעס און אַרויפֿגעשלײַדערט אויף אַ בוים. זי האָט אַראָפּגעשריגן צו ר׳ לייבן:

— האָב מיט מיר חתונה. מירביידע וואָלטן איבערגעקערט די וועלט...

— אַזאַ געהינטעכץ! — האָט ר׳ לוי־יצחק אַ זאָג געטאָן.

— אין קהל חסידים איז די מעשׂה נישטאָ — האָט מאיר טומטום זיך אָנגערופֿן.

— נישט אַלץ איז דאָ אין קהל חסידים. איך אַליין האָב געהאַט צו טאָן מיט אַ מכשף. כ׳גיי איין מאָל פֿון אַ דאָרף קיין ראַדאָשיץ מיט מײַן קאָסטן גלאָז. דער טאָג איז גראָד געווען אַ לינדער. די זון האָט זיך שוין גענייגט צו מערבֿ. כ׳בין געהאַט איבערגעשלאָפֿן בײַ אַ פּויער אין שײַער, אָבער אויף שבת האָב איך מיך אַלע מאָל אומגעקערט אַהיים. דער וועג האָט געפֿירט דורך אַ וואַלד. כ׳גיי מיר אַזוי פֿאַרטראַכט. מיט אַ מאָל דערזע איך אַ קליין מענטשעלע, אַ מאַנספּאַרשוין. ר׳האָט געמוזט זײַן נישט גרעסער ווי מײַן האַנט. כ׳קוק עפּעס און ווייס אַליין נישט וואָס דאָס איז. אויסגעפּוצט איז ער ווי אַ פּריץ — אַ הוט מיט אַ פֿעדער, און אַ גרין רעקל, פּאַנטאַלאָנען מיט רויטע שטיוועלעך. ר׳האָט געטראָגן אַ טאָרבע פֿון יעגערס וואָס גייען אויף יאַגד. ר׳האָט געהאַט אַ ביקס אויך — אַ ביקסל ווי פֿון חדר־יִינגלעך ל״ג־בעומר. כ׳שטיי און גאַף. כ׳האָב נאָך קיין מאָל נישט באַגעגנט אַזאַ פּיצעלע פֿאַרשווינדל. אויב ער איז אַפֿילו אַ קאַרליק אָדער אַ פֿאַרזעעניש, וואָס גייט ער עפּעס אַליין? כ׳שטעל מיך אָפּ און קלער: כ׳על אים לאָזן פֿאַרבײַגיין. אָבער ער שטעלט זיך אויך אָפּ. כ׳נעם שפּאַנען גיך און ער שפּאַנט מיר נאָך. ווי קאָן ער מאַכן אַזוינע לאַנגע שפּרײַזן מיט אַזוינע קורצע פֿיסעלעך? וואָס זאָל איך דאָ לאַנג ברײַען? כ׳זע שוין אַז ער איז פֿון יענע לײַט. כ׳זאָג שמע־ישׂראל און שדי קרע שׂטן, אָבער ס׳העלפֿט נישט. ער ווינקט און צילט אויף מיר מיטן ביקסל. כ׳האָב באַנומען אַז ס׳איז שלעכט. דערווײַל זע איך אַ שטיין. כ׳הייב אויף דעם שטיין און וואַרף אים, — ערשט ער טוט אַ פּראַל אַרויס מיט אַ געלעכטער אַז אַ שוידער איז מיר אַריבער דורכן לײַב. ער׳ט דערבײַ אַרויסגעשטעקט אַ לעקער ביזן נאַפּל.

— ר׳האָט אײַך נישט מזיק געווען? — האָט ר׳ לוי־יצחק געפֿרעגט.

— אַנטלאָפֿן.

— איר׳ט געהאַט אויף זיך אַ קמיע?

— כ׳האָב פֿון קינדווײַז אָן געטראָגן אויפֿן האַלדז אַ טאָרבעלע מיט אַ צאָן פֿון אַ וואָלף און אַ קמיע פֿון קאָזשעניצער מגיד.

— נו, דאָס איז גענוג.

— פֿון וואַנען איז געדרונגען אַז ס׳איז געווען אַ כּישוף־מאַכער? — האָט מאיר טומטום געפֿרעגט — ס׳האָט געקאָנט זײַן אַ לץ, אַ שרעטל, שיבֿתא, נעמה, בן אבראי.

— מ׳האָט געהערט פֿון אים. ר׳האָט געשטאַמט פֿון פּריצים. דער פֿאָטער האָט נאָכן טויט אים איבערגעלאָזט אַ שלאָס, אָבער ר׳האָט זיך אַרײַנגעלאָזט אין כּישוף. ר׳האָט זיך געקאָנט מאַכן קליין, ר׳האָט זיך געקאָנט מאַכן גרויס. ר׳האָט זיך פֿאַרשטעלט פֿאַר אַ האָז, אַ קאַץ, אַ הונט, וואָס ס׳איז אים אײַנגע־פֿאַלן. געלט האָט ער געהאַט גאַנצע פֿעסער. ס׳ווײַב איז אים געפֿגרט און ר׳האָט זיך באַהעפֿט מיט דער סיטרא־אחרא. אַז ס׳איז אים געפֿעלן, האָט ער ליב געהאַט צו מאַכן לצנות און איבערצושרעקן. איין מאָל האָט אַ בעל־עגלה געפֿונען אויפֿן וועג אַ זעקל האָבער. ווען אַ בעל־עגלה זעט האָבער, ווערט ער צוגעזאָטן. ער וויל אויפֿהייבן ס׳זעקל, ס׳רירט זיך נישט פֿון אָרט. ער׳ט זיך שיִער די לונגען נישט אָפּגעריסן און דער זאַק ליגט ווי אַ שטיין. אויף דער פֿור איז געפֿאָרן אַ ייִד אַ למדן און ער איז אַראָפּ אים העלפֿן. ער טוט זיך אַ בייג אַראָפּ צום זאַק און ס׳איז אַ נאַקעטע נקבֿה.

— פֿע! וואָס איז געוואָרן זײַן שוואַרצער סוף?

— כ׳ווייס נישט. ווען איך בין אַוועק פֿון ראַדאָשיץ, האָט ער נאָך געלעבט. וואָס ווערט פֿון אַזוינע הולטײַעס? זיי פֿאַלן אַרײַן אין שאול־תחתיה...

them where and how to rob, how to hide the loot and where to get rid of it. She was also a witch and that's why everyone was frightened of her. She'd see someone, mumble a few words and down he fell with a burning fever. You probably never heard what happened between her and Rabbi Leib Saras. She was still young and lusty at the time, a shameless harlot. Well, the rabbi liked to go into the woods and immerse himself in a pool there before saying his prayers. One morning he looked up and saw the Dobosh woman standing naked before him with her unloosened hair falling down her back. When he cried out the Holy Name, a whirlwind caught hold of her and carried her to the top of a tree. 'Rabbi, marry me,' she called out from the branch from which she was sitting, 'and we'll rule the world together.' "

"What a brazen female," Isaac Amshinover said.

"There's no mention of the story in the *Community of the Hasidim*," Meyer the eunuch remarked.

"*The Community of the Hasidim* doesn't contain everything. I had an encounter with a warlock myself. It happened in a forest just outside one of the villages near Radoshitz. It was a clear day and I'd been toting glass as usual. The night before I'd slept in a granary. But I always went home for the Sabbath. I was walking along deep in thought when suddenly I saw the tiniest man; he was even smaller than a dwarf. I swear he wasn't any bigger than my arm. I looked at him and I couldn't figure out what he was. He was dressed like the gentry in a green coat, feathered hat, and red boots. In his hand he carried a hunter's leather bag. It seems to me that he was also bearing a rifle—you know the small kind boys carry on the Feast of Omer. I just stood and gawked. Even if he was a midget or a freak what was he doing walking by himself? I stopped to let him pass by, but he stopped, too. When I started to walk, he walked beside me. How could he take such long steps with such short legs, I asked myself. Well, it was clear enough that he was one of the devil's people. I recited, 'Hear, O Israel,' and '*Shaddai*, destroy Satan,' but it didn't do any good. Laughing, he aimed his rifle at me. Things looked bad, and so when I caught sight of a stone, I picked it up and heaved it at him. The guffaw he let loose made me shiver. Then he stuck out his tongue. You know how long it was? Right down to his navel."

"Didn't he hurt you?"

"No, he ran away."

"Were you wearing a charm?"

"I had a bag around my neck in which there was the tooth of a wolf and a talisman blessed by the saintly rabbi of Kozhenitz. I started wearing it when I was a child."

"Well, that must have been helpful."

"How do you know that it was a warlock?" Meyer the eunuch asked. "It could have been an imp or a mock demon."

"I found out his story later. His father, a rich landowner, left him his manor, but the boy got interested in witchcraft. He knew how to make himself small or large, could change himself into a cat or dog or whatever he pleased. He lived with an old servant who was deaf as a wall and did his cooking for him. He had more money than he knew what to do with. It was his wife's death that drove him to magic. Sometimes he used his sorcery to help people. But not often. He preferred to make fun of the villagers and frighten them."

"What happened to him?" Isaac Amshinover asked.

"I don't know. He was still alive when I moved away from Radoshitz. You know what happens to such people. In the end they fall into the bottomless pit."

ב

אַ ווײַל איז געוואָרן שטיל. ר׳ לוי־יצחק האָט אַרויסגענומען אַ ליולקע, אַ זעקעלע טיטון און פֿאַררייכערט. ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ פּאָר קנוילן רויך און אַ זאָג געטאָן:

אַז אַ גוי זאָל זײַן אַ כּישוף־מאַכער, איז נישט קאַ׳ רבותא. ס׳זענען נאָך געווען מכשפים אין מצרים. וואָס משה רבנו האָט געטאָן, האָבן זיי נאָכגעטאָן. אויב אַזוי, — וואָס איז דער חידוש? אָבער אין גראַבאָוויץ איז געווען אַ ייִד וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט יענע לײַט, די בײַנאַכטיקע. ר׳איז נישט געווען קיין גראַבאָוויצער, נאָר ר׳איז אָנגעקומען אַהין פֿאַר אַן איידעם. כ׳האָב געקענט זײַן שווער: ר׳ מרדכי ליסקאָווער, אַ ייִד אַ למדן און נגיד. ר׳האָט געהאַט פֿינף זין און איין טאָכטער, פּעשע, אַ בת־יחידה. די זין האָבן אַלע געטאָן נגידישע שידוכים. אַ האַלבע שטאָט האָט געהערט צו זיי. ער אַליין האָט געהאַט אַ וואַסערמיל און ס׳זענען דאָרט אַלע מאָל געשטאַנען פֿורן קאָרן. מ׳איז געפֿאָרן צו אים מאָלן פֿון אַלע דערפֿער. די פּויערים האָבן געגלייבט אַז ווען מ׳מאָלט בײַ אים, קומט אַרײַן די ברכה. די פּעשע איז געווען די ייִנגסטע, ס׳אויסקראַצעכץ, און ר׳ מרדכי האָט געזוכט פֿאַר איר אַ יונגן־מאַן אַ הדר. ר׳האָט צוגעזאָגט טויזנט רענדלעך נדן, אייביקע קעסט. ר׳איז אַוועק אין אַ ישיבֿה און געהייסן זיך ווײַזן דעם בעסטן בחור. דער ראש־ישיבֿה האָט צוגערופֿן אַ בחורל, זײַנוועלע, און געזאָגט: ווי קליין ער איז, אַזוי פֿאַרשטעקט ער אין אַרבל אַלע לומדים פֿון מדינת פּוילן. דער בחור איז געווען אַ יתום, געגעסן טעג. בקיצור, ר׳ מרדכי האָט אים שוין נישט אָפּגעלאָזט. ר׳האָט אים גענומען אַהיים, אויסגעקליידט, געלאָזט שרײַבן תּנאים. אַזוי ווי דער חתן קען דאָך נישט וווינען מיט דער כּלה אין איין הויז, האָט זיך זײַנוועלע אויפֿגעהאַלטן אין אַ האַרבעריק. מ׳האָט אים אָפּגעגעבן אַ סאַליע. מ׳האָט אַרײַנגעשטעלט אַ שאַנק ספֿרים. מ׳האָט אים געקעכלט מיט טײַבעלעך און מאַרצעפּאַנעס. אין בית־מדרש איז ער געקומען אין דער פֿרי און אַלע האָבן געוואָלט שמועסן מיט דעם שײַנדל אין לערנען. ר׳איז גראָד אַ קנאַפּער רעדער, אַ וואָרט איז בײַ אים אַ רענדל, אָבער אַז ער זאָגט עפּעס, איז דאָ וואָס צו הערן. אַ בקי בכל חדרי תּורה. ר׳האָט געקאָנט אָפּזאָגן אַ גאַנצן בלאַט שיטה מקובצת פֿון אויסנווייניק. ער שטייט מיר פֿאַר די אויגן: אַ קליינער, אַ ווײַסער, מיט געלע פּאות. ס׳האָט אים נאָך נישט געשפּראָצט קאַ׳ בערדל.

דער מחותן האָט אים געלאָזט נייען די מלבושים מיט אַ נומער גרעסער, ער זאָל שפּעטער אויסוואַקסן, און די זשופּיצע האָט זיך אים נאָכגעשלעפּט. אַ באַזונדערע זאַך איז אַז ער איז קיין מאָל נישט אויסגעוואַקסן, נאָר דאָס האָט נישט דערצו. אין לערנען רעדט ער מיט אַ שטיל קול, אָבער אַז עס קומט צו מילי־דעלמא, איז ער אַ שווײַגער. ער ענטפֿערט גאָרנישט, נאָר שאָקלט מיטן קאָפּ. די בחורים האָבן זיך געוואָלט פֿאַר אים פֿלײַסן, נאָר ער האָט זיך אַוועקגעזעצט בײַ אַ שטענדער אין אַ ווינקל און ס׳איז ישבֿ בדד וידם. מ׳האָט אָנגעהויבן טענהן אַז ער איז אַ מרוק. ווען ר׳האָט געדאַוונט, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט בײַם פֿענצטער און אַזוי איז ער אָפּגעשטאַנען ביז נאָך עלינו און זיך נישט געטאָן קיין ריר. ס׳פֿענצטער איז אַרויס צו דער שולגאַס און צום בית־עלמין.

נו, מילא, האַלט ער נישט פֿון הוויות עולם. די שטאָט האָט געהאַט אָפּשײַ. דערצו ווערט ער פֿון ר׳ מרדכי ליסקאָווערס געזינדל. מאַכט זיך אַ מעשה: אַ בחור קומט בײַ נאַכט אין בית־מדרש לערנען אַן אַשמורה און ר׳איז בלייך ווי קרײַד. די בחורים פֿרעגן אים: וואָס איז דיר? עמעץ האָט דיך איבערגעשראָקן? אין אָנהייב וויל ער נישט רעדן. דערנאָך האָט ער אַוועקגערופֿן דרײַ בחורים אין אַ זײַט און גענומען בײַ זיי תּקיעת־כּף אַז זיי וועלן האַלטן אַ סוד. בקיצור, ר׳איז געגאַנגען איבערן שולהויף. מיט אַ מאָל זעט ער זײַנוועלען. ער שטייט לעבן הקדש און שאָקלט מיט די הענט. ס׳איז דעם בחור אַ ווונדער. דער זײַנוועלע פֿלעגט נישט קומען בײַ נאַכט לערנען. דערצו, וואָס האָט ער צו טאָן בײַם הקדש? אַ טהרה־ברעט איז דאָרט אָנגעשפּאַרט בײַ דער טיר און מ׳האָט מורא פֿאַרבײַצוגיין אַפֿילו בײַ טאָג. ס׳האָט געפֿירט פֿון דאָרט איין שטעג צו די שטאָטישע אָפּטריטן און אַן אַנדערער צום אַלטן גוטן אָרט. דער בחור האָט געמיינט אַז אפֿשר האָט זײַנוועלע פֿאַרבלאָנדזשעט. ער איז דאָך ניש׳ קאַ׳ היגער און אַ פֿאַרטראַכטער דערצו. ר׳איז צוגעגאַנגען און געפֿרעגט: זײַנוועלע, וואָס טוסטו דאָ? אַזוי ווי ר׳האָט דאָס אַרויסגעזאָגט, האָט דעם זײַנוועלעס געשטאַלט גענומען אײַנשרומפּן. ר׳איז געוואָרן קלענער, צעבויגן, צעקנוידערט און ס׳דויערט נישט קאַ׳ מינוט ווי ס׳איז געבליבן פֿון אים נישט מער ווי אַ קנויל רויך. דער רויך איז באַלד אויך צעגאַנגען. ווי דער בחור האָט דאָס איבערגעלעבט איז אַ נס. די אַנדערע בחורים טענהן: אפֿשר האָסטו פּסולע ציצית? אפֿשר איז בײַ ענק אָפּגעשפּרונגען אַן אות אין דער מזוזה? ס׳איז קלאָר אַז דאָס האָט איינער פֿון די לאַפּיטוטן זיך פֿאַרשטעלט פֿאַר זײַנוועלען. מ׳האָט די גאַנצע זאַך פֿאַרשוויגן. הלוואי וואָלט מען יאָ דערציילט, וואָלט די שטאָט זיך אײַנגעשפּאָרט אַ סך שרעק.

II

There was silence when Zalman the glazier finished speaking. Then Isaac Amshinover, having taken out his pipe and lit it, inquired: "What's so amazing about a Gentile sorcerer? There were sorcerers even in Egypt. Didn't the Egyptian magicians vie with Moses? But I knew of a Jewish one. Well, maybe not really a sorcerer, but someone who did business with the evil ones. His father-in-law was an acquaintance of mine, Mordecai Liskover. A very wealthy man and learned, too. He had five sons and a daughter. The girl was named Pesha and he was crazy about her. His sons all married well. Half the town belonged to them. He had a watermill that was always busy. The peasants came there for miles around to line up with their carts. They thought that flour ground in his mill was blessed. Mordecai wanted to find Pesha—she was his youngest—the finest possible husband. He gave her a large dowry and promised to support her husband and her for the rest of their lives. So he went to a yeshiva and asked the principal to show him his smartest student. 'That's him,' the principal said, indicating a not very large boy. 'His name is Zeinvele. He may look small but he has more brains than all the scholars of Poland put together.' What more could one want? The boy was an orphan and was supported by the town. He was taken to Reb Mordecai's house, dressed up like a king, and given the betrothal papers to sign. Then Zeinvele was put up at an inn because it is forbidden for a man to live in the same house as his fiancée. He fed on squabs and marzipan. When he came to the study house, all the other boys tried to engage him in learned conversation, but he didn't say much. He was the sort of person to whom a word is like a gold coin. But what he did say was worth hearing. I can still see him as he was then, small, light-skinned, and beardless; standing in the study house reeling off an entire page of the Commentaries from memory. Reb Mordecai gave him clothes a size too large for him expecting him to grow into them. His gabardine dragged along the floor. Actually he never did get any bigger, but that's another story. When he discussed learned matters, he spoke very softly; he didn't speak about worldly matters at all, merely said yes or no when he was asked something. Sometimes he just nodded his head. He always sat by himself in some remote corner of the study house. The boys complained that he wasn't friendly. When he prayed, he stood looking out the window and didn't turn his head until he was finished. The window faced Synagogue Street and overlooked the cemetery.

"Well, so he wasn't interested in the world. The town respected him. Why shouldn't they have? He was to be Reb Mordecai's son-in-law. Then an odd thing happened. One night a boy walked into the study house looking as white as chalk. 'What's happened to you?' the others asked. 'Who scared you?' At first the fellow refused to answer. Then he took three of his friends aside, and after swearing them to secrecy, told them the following: While he was walking in the synagogue yard, he'd caught sight of Zeinvele standing near the poorhouse making curious motions with his hands. He knew that Zeinvele never studied at night. And anyway what was he doing near the poorhouse? Everyone knew the poorhouse was a dangerous place; the cleansing board on which the corpses were washed was kept leaning against its door.

Two paths led to it; one from the town's outskirts and the other from the cemetery. The boy thought that perhaps Zeinvele being a stranger had lost his way, and called out, 'Zeinvele, what are you doing there?' No sooner did he say this than Zeinvele began to shrink until he became so small there was nothing left of him but a puff of smoke. Finally, even the smoke disappeared. The amazing thing was that the boy hadn't died of fright. 'Are you sure the tassels on your ritual garment are all there?' the other fellows asked. 'Maybe one of the letters in your mezuzah is missing?' It was clear to all of them that it was really one of the evil ones in disguise as Zeinvele. The incident was kept a secret. The town would have been saved a lot of trouble had it not been.

די חתונה איז געווען אַ רוישיקע. מ׳האָט אַראָפּגענומען כלי־זמר פֿון לובלין. מ׳האָט געבראַכט ר׳ יוקעוו בדחן אַזש פֿון קאָוולע. פֿאַרן באַדעקנס האָט מען געמאַכט אַ חתן־מאָל. געוויינטלעך אַ חתן זאָגט אַ פּשטל, איז זיך מפּלפּל, טיילט פּאַפּיראָסן. אָבער דער זײַנוועלע איז געזעסן ווי אַ נישט־דאָ־קער. מ׳רעדט צו אים און ער ענטפֿערט נישט. די אויגן זענען שטאַר. ר׳האָט געהאַט שווערע ברעמען און מ׳ווייסט נישט צי דרימלט ער אָדער ער טראַכט רעיונות. אַנדערע האָבן אַפֿילו גערעכנט אַז ר׳איז טויב. נו, מילא, אַלץ לויפֿט פֿאַריבער. מ׳האָט אָפּגעטאַנצט און אָפּגעזונגען. דער זײַנוועלע איז שוין אַ יונגער־מאַן אויף קעסט. ער זיצט שוין אין ווינקל בײַם שטענדער און קנעלט נדה. דאָס ווײַבל, די פּעשע, האָט זיך גענומען קלאָגן פֿאַר דער מוטער אַז דער זײַנוועלע איז נישט ווי ס׳באַדאַרף צו זײַן. נאָך דער טבֿילה קומט ער צו איר, אָבער ר׳איז קאַלט ווי אײַז. איין מאָל אין דער פֿרי ווען די מוטער איז נאָך געשלאָפֿן, איז די פּעשע אַרײַנגעפֿאַלן מיט אַ געוויין.

— וואָס איז, טאָכטער?

דערציילט זי אַזאַ זאַך. זי איז געגאַנגען אין מיקווה און דער זײַנוועלע איז בײַ נאַכט געקומען צו איר. זי טוט אַ קוק: אין אַנדערן בעט ליגט נאָך אַ זײַנוועלע. די לבֿנה האָט געשײַנט. ס׳איז זי באַפֿאַלן אַזאַ פּחד אַז זי האָט זיך באַהאַלטן אונטער דער איבערדעק און מער נישט געוואָלט אַרויס. גאַנץ פֿרי איז זײַנוועלע אַוועק לערנען. די מוטער טענהט צו איר: טאָכטער, ס׳איז אַ פֿאַרבלענדעניש, אָבער די פּעשע שווערט מיט האַרבע שבֿועות. זי שרײַט: מאַמע, כ׳האָב מורא פֿאַר אים און זי׳ט אַוועקגעחלשט.

ווי לאַנג קאָן מען באַהאַלטן אַזעלכע זאַכן? ס׳זענען געווען צוויי זײַנוועלעך. ס׳איז שפּעטער געוואָרן קלאָר פֿאַר יעדן איינעם. אין גראַבאָוויץ האָבן געוווינט אַ פּאָר משׂכּילים, איבערגעדרייטע שלעסלעך, און זיי לייקענען שטיין־און־ביין. איר ווייסט דאָך זייערע ענטפֿערס: אַן אײַנרייַדעניש, אַן אויסדוכטעניש, אַ מאַנקאָליע, דאָס, יענץ. אָבער זיי ציטערן גלײַך ווי יעדער איינער. דער זײַנוועלע ליגט בײַ נאַכט אין בעט, די טיר פֿון שלאָף־חדר איז פֿאַרקייטלט, אָבער מ׳טרעפֿט אים אין שולהויף, אין מיקווה־געסל, אויפֿן שליאַך. ער באַווײַזט זיך אין בית־מדרש אויך. ער שטעלט זיך אַוועק אין פּאָליש בײַם האַנטפֿאַס און שטייט ווי אַ גולם. ווי לאַנג מ׳דערקענט אים נישט, איז גאָרנישט; אָבער ווי נאָר עמעץ כאַפּט זיך אַז ס׳איז נישט דער אמתער זײַנוועלע, צעפֿאַלט ער ווי שפּינוועבס.

אַ צײַט האָט מען זײַנוועלען נישט געוואָלט זאָגן וואָס ס׳איז דער מער. ר׳האָט אפֿשר אַליין נישט געוווּסט. נו, אָבער די פּעשע מײַדט שוין אויס צו שלאָפֿן מיט אים אין איין חדר. מ׳האָט געמוזט דינגען אַ שומר און ווייסעך־וואָס. דער שווער רעדט צו אים קלאָרע דיבורים. ר׳האָט געמיינט זײַנוועלע וועט לייקענען, זיך פֿאַרענטפֿערן. אָבער ער שטייט ווי אַן אויסגעשטאָפּטער און שווײַגט. דער שווער איז מיט אים אַוועק קיין טריסק צום מגיד און דאָרט האָט מען אים באַהאָנגען מיט קמיעות. ר׳איז צוריקגעקומען און אַלץ ס׳אייגענע. בײַ נאַכט פֿאַרשליסט די שוויגער די שלאָפֿשטוב פֿון פֿאַרפֿאַלק און שטעלט אַוועק אַ שווערע שטול. אָבער זײַנוועלע שלענדערט זיך אַרום אויפֿן בית־עולם, בײַ דער תּיפֿלה, בײַ דער ווינטמיל און ווו נישט? הינט הייבן אָן בילן. פֿערד דערשרעקן זיך און שטעלן זיך קוממיות. ווײַבער גייען שוין נישט אַרויס בײַ נאַכט אָן אַ פֿאַרטעך פֿון פֿאָרנט און פֿון הינטן.

איצט הערט אַ זאַך. ס׳איז געווען אַ קאַלטע ווינטערנאַכט און ס׳האָט גראָד געטראָפֿן אַז בלויז איין ווײַבל האָט געברויכט גיין טבֿילה. די טוקערין האָט זי פֿריִער געוואַשן און איר אָפּגעשניטן די נעגל אין פֿירהויז. דאָרט ווו די מיקווה איז האָט געברענט אַ ליכטל. דאָס ווײַבל לאָזט זיך אַראָפּגיין מיט די טרעפּ און עמעץ שווענקט זיך אונטן. ס׳פֿלעמל האָט געצאַנקט און מ׳האָט נישט געזען קלאָר. זי׳ט געמיינט אַז ס׳איז אַן אַנדער ווײַבל. זי קומט אַראָפּ נאָענט און ס׳איז זײַנוועלע. זי׳ט געטאָן אַ געשריי און געחלשט. זי איז אַרײַנגעפֿאַלן אין וואַסער און וואָלט אַוודאי זיך דערטרונקען, אָבער די טוקערין האָט דערהערט ס׳געשריי און זי אַרויסגעשלעפּט. ווען מ׳האָט זי אָפּגעמינטערט האָט זי דערציילט וואָס זי האָט געזען. דער אמתער זײַנוועלע איז גראָד דעמאָלט געזעסן אין בית־מדרש. כ׳זאָג דער אמתער, אָבער מ׳האָט שוין רעכט נישט געוווּסט ווער ס׳איז יאָ זײַנוועלע און ווער ס׳איז דאָס אָפּבילד. די ווילע־יונגען האָבן אויסגעטײַטשט אַז זײַנוועלע גייט אין באָד אונטערקוקן צו די נקבֿות. די פּעשע האָט שוין נישט געוואָלט מיט אים וווינען. וואָלט דער זײַנוועלע געהאַט טאַטע־מאַמע, שיקט מען אים אַפּ אַהיים. אָבער ר׳איז אַ קײַלעכיקער יתום. דער שווער האָט אים גערופֿן צום

"The wedding was a noisy one. Musicians were brought from Lublin, Yukele the jester from far away Kovle. But Zeinvele didn't participate in the usual discussion of the Torah with his fellow students, nor pass around the cookies and drinks. He just sat at the head of the table as if he weren't there. He had such thick eyebrows it was difficult to tell whether he was meditating or asleep. There were those who even thought he was deaf. But all things pass away quickly. Zeinvele was married and moved in with his father-in-law. Now he sat in his corner of the study house reading the Tractate on Ablutions prescribed for newly married men. It wasn't very long, however, before Pesha started complaining that he didn't act like a young husband should. Though he did come to her bed after she had been to the ritual bath, he acted as cold as ice. Early one morning Pesha ran weeping into her mother's bedroom. 'What's happened, daughter?' Well, according to Pesha, she'd been to the ritual bath the evening before and Zeinvele had gotten in bed with her. But when she'd glanced over at his bed expecting to find it empty, she'd found a second Zeinvele lying there. She'd become so frightened that she'd crawled under the featherbed and refused to come out. As soon as it was light, Zeinvele had gotten up and gone to his study. 'Daughter, you're imagining things,' her mother told her. But Pesha solemnly swore that she was telling the truth. 'Mother, I'm terrified,' she screamed. And her anxiety was so great that she fainted.

"How long can such matters be concealed? There really were two Zeinveles. Everybody realized it. Grabovitz did have a few sceptics who as usual with that sort made light of the matter. You know their sort of explanation: it was a hallucination, a fantasy, a morbid tendency, but for all of that, they were just as scared as everyone else. Zeinvele would be locked in his room lying asleep in his bed, but also he'd be wandering around the synagogue yard, or the market place. Sometimes he'd appear in the antechamber of the study house and stand there motionless near the wash basin until somebody realized that he was only the false Zeinvele. When that happened, he floated off and disintegrated like a cobweb.

"For some time no one said anything about this to Zeinvele. He may have had no idea himself of what was going on. But finally his wife Pesha refused to be quiet any longer. She announced that she would not sleep in the same room with him. They had to hire a night watchman. His father-in-law, thinking that Zeinvele would become alarmed and deny everything, confronted him with the facts, but he just stood there like a statue, not saying a word. So Reb Mordecai took him to the rabbi of Turisk who completely covered Zeinvele's body with talismans. But when Zeinvele returned home, nothing had changed. At night his mother-in-law locked the bedroom door from the outside and propped a heavy chair against it, but in spite of this Zeinvele continued to wander. At the sight of him dogs growled and horses reared in terror. The women didn't dare go out at night without putting on two aprons—one in the front and one in the rear. One evening a young townswoman went to the ritual bath and, after being washed down by the attendant in the anteroom, entered the bath chamber itself. As she descended the steps, she saw someone splashing around in the water. The candle in the room was flickering so badly she couldn't make out who it was. When she came closer and saw it was Zeinvele, she screamed and fainted. If the attendant hadn't been nearby, she would have drowned. The real Zeinvele happened to be in the study house at the moment. I was there myself and saw him. But actually it had become impossible to know which was the real Zeinvele and which the phantom. The townsboys now began to say that Zeinvele visited the ritual bath to peek at the naked women. Pesha said that she would no longer live with him. If he had had parents they would have shipped him home, but where can you send an orphan? His father-in-law took him to the rabbi and gave him a

רבֿ, מסלק געווען הונדערט גילדוינים און ר׳האָט די פּעשען אָפּגעגט. כ׳בין אַליין געווען אין בית־דין־שטוב ווען ר׳ גאַדל סופֿר האָט געשריבן דעם גט. מ׳דאַרף עדות וואָס קאָנען שרײַבן געכתיבֿהט און איך בין געווען איינער פֿון די עדות. די פּעשע האָט געוויינט בדמעות שליש, אָבער זײַנוועלע איז געזעסן אויף דער באַנק ווי נישט אים מיינט מען. ר׳האָט גאָר אויסגעקוקט ווי ער וואָלט געדרימלט. נאָכן גט האָט מען געדונגען אַ פֿויערישע פֿור און מ׳האָט אים צוריקגעשיקט אין דער ישיבֿה. דער בעל־עגלה, אַ ייִד, האָט זיך געשראָקן מיט אים צו פֿאָרן. דער גוי קומט צוריק און ער שרײַט אַז די ייִדן האָבן אים אַ כּישוף אָנגעטאָן. די פֿערד האָבן נישט געוואָלט גיין. ער האָט זיי געשמיסן מיט דער בײַטש, אָבער יעדע מינוט האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט. ר׳האָט געוויזן די פֿערד אין מאַרק. ר׳איז אַרויסגעפֿאָרן מיט צוויי געזונטע קליאַטשעס און צוריקגעקומען מיט אַ פּאָר פּגירות. ר׳ מרדכי ליסקאָווער האָט געמוזט דעם פּויער פֿאַרגיטיקן. כ׳האָב שפּעטער געהערט אַז ביידע פֿערד זענען אָוועקגעפּגרט.

אַ צײַט האָט מען נאָך גערעדט אַז זײַנוועלע וואָגלט אַרום אין די נעכט. ער קומט קאַפּויער בײַ דער מיל, בײַם טײַך, בײַ דער קאַלטער שול. אין מיטן דער נאַכט איז ער געשטאַנען אויפֿן דאַך ווי אַ קוימען־קערער. בחורים האָבן אויפֿגעהערט לערנען אַשמורות נישט אַנצוטרעפֿן אויף זײַנוועלען. שפּעטער, אַז פּעשע האָט ווידער חתונה געהאַט, איז געוואָרן שטיל. וווּ דער זײַנוועלע איז אַהינגעקומען ווייסט מען נישט. עמעץ וואָס איז געפֿאָרן שפּעטער אין יענער ישיבֿה האָט איבערגעגעבן אַז זײַנוועלע איז דאָרט קיין מאָל נישט אָנגעקומען.

— הייסט עס, דעם טריסקער מגידס קמיעות האָבן נישט געהאָלפֿן? — האָט זלמן גלעזער געפֿרעגט.

— נישט אַלע מאָל העלפֿט אַ קמיע.

— אַ קמיע פֿון קאָזשעניצער האָט אַלע מאָל געהאָלפֿן.

— וויפֿל קאָזשעניצערס זענען פֿאַראַן?..

hundred gulden to divorce Pesha. I was one of the witnesses to the divorce papers. Pesha couldn't stop crying but Zeinvele sat quietly on the bench as if none of this concerned him. He seemed to be sleeping. The rabbi looked at the wall to make sure that Zeinvele was casting a shadow. Demons don't, you know. After the divorce Zeinvele was put in a cart Reb Mordecai had hired and taken to a yeshiva. The cart was driven by a Gentile, no Jew being willing to accept the job. When the coachman returned he claimed the Jews had bewitched him. His horses, though he had kept on whipping them, had refused to pull the wagon. He pointed to his team. They had left the marketplace healthy and had returned sick and wasted. Mordecai Liskover had to pay him damages. I was told that both horses died soon after.

"Even though Zeinvele was gone, people still continued to see him. They met him after dark at the flour mill, at the river where the women washed their linens, near the outhouse. Several times he was seen in the middle of the night standing like a chimney sweep on top of a roof. Students stopped studying in the evening knowing that Zeinvele liked to wander in the synagogue yard. Then when Pesha remarried, he disappeared. No one knows what happened to him. Somebody who visited the yeshiva he was supposed to have been taken to, said he never got there."

"Do you mean to imply by your story that the talismans of the rabbi of Turisk are ineffective?" Zalman the glazier asked.

"Not every talisman works."

"All of the rabbi of Kozhenitz's talismans do."

"How many such rabbis are there?"

## ג

מאיר טומטום האָט זיך אָנגענומען בײַם אונטערשטן קין. איין אויג האָט ער צוגעזשמורעט, דאָס אַנדערע האָט ער אויפֿגעריסן. ווי ווויל ר׳איז איצט מיושבֿ, האָט ער געטאָן אַ לאַך מיט דעם געלעכטער פֿון אַ מטורף.

— וואָס דערציילט איר חידושים? — האָט ער זיך אָנגערופֿן. — ס׳איז דאָ כּישוף. דער זײַנוועלע איז מסתּמא אַליין נישט געווען קאַ׳ כּישוף־מאַכער. ס׳איז גרײַלעך געמאָלט אַז מ׳האָט אים אָנגעטאָן אַ כּישוף. אָדער איז ער גלאַט געווען אַ בריה משונה. ווען דער מענטש שלאָפֿט גייט אַרויס פֿון אים ס׳נפֿש. געוויינלעך ס׳נפֿש זעט מען נישט. אָבער טייל מאָל זעט מען עס יאָ. ס׳איז געווען אין הרוביעשויוו אַ ייִדענע וואָס ווען זי איז געשלאָפֿן בײַ נאַכט, איז אויפֿגעגאַנגען פֿון איר אַ גרינע שײַן. מ׳האָט אויסגעלאָשן דעם לאָמפּ, אָבער די וואַנט קעגן איבער איז געבליבן ליכטיק. כ׳ווייס אַפֿילו פֿון אַ קאַץ וואָס נאָך דעם ווי מ׳האָט זי דערטרונקען — געטאָן האָט דאָס אַ באַנדער, אַן עם־האָרץ — איז זי צוריקגעקומען און אים צעביסן ס׳פּרצוף. אַלע האָבן זי דערקענט. זי׳ט געמיאַוקעט סכּנת־נפֿשות. זי׳ט אים נאָר געוואָלט אַן אויג אויסשטעכן, אָבער ר׳האָט זיך פֿאַרשטעלט מיט די הענט. דער גוף שטאַרבט, אָבער ס׳נפֿש בלײַבט. כ׳רעד פֿון נפֿש, נישט דער נשמה. די נשמה איז אַן אַנדער ענין. נישט יעדער איינער איז זוכה צו אַ נשמה. ס׳הענגט שוין אָפּ פֿון דער מדרגה. אַ נפֿש האָבן אַלע, אַפֿילו אַ באַשעפֿעניש.

נאָר לאָמיך אײַך בעסער דערציילן פֿון דער ינוקא. אַזוי האָט מען אים גערופֿן. דער פֿאָטער, ר׳ זעקעלע, איז געווען אַ וואַסער־טרעגער. ר׳האָט פֿריִער געהאַט פֿינף קינדער. די ינוקא איז געווען דער זעקסטער. ר׳איז געבוירן געוואָרן ווי אַלע קינדער. מ׳האָט געמאַכט אַ ברית און אַל דאָס איבעריקע. געהייסן האָט ער צדוק, נאָך אַ זיידן. די מוטער האָט גלײַך גענומען וויינען אַז ס׳קינד וואַקסט עפּעס צו גיך, נאָר ווער הערט זיך צו צו אַ ייִדענע? יעדע מאַמע ציטערט איבער איר עופֿעלע. אָבער ס׳זענען נישט אַוועק קאַ׳ דרײַ חדשים ווי אין שטאָט האָט זיך געקאָכט אַז בײַ זעקעלע וואַסער־טרעגער וואַקסט עפּעס אַן אויסטערליש קינד. מאָלט אײַך, צו פֿינף חדשים האָט ער אָנגעהויבן רעדן. צו זעקס חדשים האָט ער זיך געשטעלט אויף די פֿיסלעך. צו אַ יאָר האָט מען אים אײַנגעוויקלט אין אַ טלית און מ׳האָט אים געפֿירט אין חדר אַרײַן. אין שטאָט און אין דער גאַנצער געגנט אַרום האָט זיך גערודערט. הײַנט זענען דאָ צײַטונגען. דעמאָלט האָבן ייִדן נישט געוווּסט פֿון קיין צײַטונגען. די גויים האָבן יאָ געהאַט גאַזעטן און מ׳האָט געשריבן אין די נײַעס. דער גובערנאַטאָר האָט אייגנס געשיקט אַ שׂררה יענער זאָל אָנקוקן ס׳קינד און אָפּגעבן אַ ראַפּאָרט. דער דאָקטער האָט אַוועק־געשיקט בריוו קיין וואַרשע, קיין פּעטערבורג, כ׳ווייס ווו. ס׳זענען זיך אָנגעלאָפֿן פּראָפֿעסאָרן און אַלערליי קענערס. זיי האָבן נישט צוגעגלייבט אַז אַ יונג קינד קאָן האָבן אַזאַ שׂכל, אָבער מ׳האָט צוגעשטעלט עדות. מ׳האָט געהאַט פֿאַרשריבן ס׳קינד אין מאַגיסטראַט. די הייבאַם האָט געהאַט פֿאַר־צייכנט אין אַ ביכל די דאַטע. דער מוהל, דער סנדק, די קוואַטערס, — אַלע האָבן עדות געזאָגט. מ׳האָט דעם צדוקלען געמוזט אַרויסנעמען פֿון חדר, ווײַל ראשית זענען דאָרט כּסדר געקומען קוריערס פֿון די גרויסע שטעט און מ׳האָט באַלעמוטשעט די קינדער פֿון לערנען. שנית, איז דער צדוקל געוואַקסן אַן עילוי. מ׳האָט אים איין מאָל געוויזן דעם אַלף־בית און ר׳האָט גלײַך אַלץ נאָכגעזאָגט. אין איין וואָך האָט ער זיך אויסגעלערנט האַלב־טראַף, טראַף, עבֿרי. צו אַנדערטהאַלבן יאָר האָט ער געלערנט חומש מיט רשי. צו דריטהאַלבן יאָר האָט ער געלייענט אַ בלאַט גמרא.

## III

Meyer the eunuch pulled at his naked chin. His left eye shut tightly and his right eye stared. Though he was now in his good period, he laughed insanely.

"What's so terribly novel about all that? We all know sorcerers exist. Maybe Zeinvele was innocent. He could have been bewitched. He might have been a mooncalf or a freak. Besides when a man sleeps, his spirit leaves him. Usually you can't see the spirit leaving the body, but sometimes it's visible. There was a woman in Krasnotstav who emitted a green light when she slept. When they put out the lamp, the wall near her bed lit up. I also know of a cat which after it had been drowned by a coachman came back to bite his nose. Everyone recognized the creature. It started to spit and mew and would have clawed out his eyes if he hadn't covered his face with his hands. The body dies but the spirit lives on. I speak of the spirit not the soul. Not everything has a soul. One has to have a certain merit to be worthy of having a soul. But even animals possess a spirit.

"Let me tell you about the Jenukah. You may not know it, Reb Zalman, but Jenukah means child in Aramaic. The Jenukah, as he was called, was the sixth child of Zekele, an ordinary water carrier. There didn't seem to be anything unusual about him when he was born. He was circumcised just like his brothers. His real name was Zaddock, after his grandfather. However his mother began to complain that the baby was growing too fast. But who listens to such talk from a woman? Every mother thinks her child is the most wonderful. But three months later, the whole town was gossiping about Zekele's amazing child. At five months the boy was talking; at six months he walked. When he was a year old, they wrapped him in a prayer shawl and took him to school. We have newspapers nowadays; in those times the Jews didn't. The boy was written up in one of the Gentile papers. The governor sent a delegation to interview him and make a report. The town doctor sent copies of his findings to Warsaw and Petersburg. All kinds of university professors and experts visited the town. They didn't believe that little Zaddock was only fifteen months old, but there were plenty of witnesses. The birth had been registered at the town hall and the midwife had kept her own record. The man who performed the circumcision, the rabbi who held the baby at the ceremony, and the woman who had handed the child to the latter, gave corroborating evidence. Zaddock had to be taken out of school. To begin with, all of the furor interrupted the classroom routine, and in the second place he was just too bright for the other children. He took one look at the alphabet and knew it by heart. When he was eighteen months old, he was deep in the study of the Pentateuch and the Commentaries of Rashi. At two, he began his study of the Gemara.

כ׳ווייס ווייל ס׳איז שווער צו גלייבן אָבער עיני ראו ולא זר. דער זעקעלע פֿלעגט טראָגן צו אונדז וואַסער און געבערענגט דעם צדוקלען פֿאַר־הערן. דער טאַטע מייַנער איז געווען אויפֿן ברית. ס׳האָט דאָ נישט געקאָנט זייַן קיין שקרות. צו דרייַ יאָר האָט צדוקל געהאַלטן אַ דרשה אין שול. ר׳האָט געוואָרפֿן מיט פסוקים און גמרות. ווער ס׳איז נישט בייַגעווען יענעם שבת הגדול אין שול, ווייסט נישט וואָס אַ נס איז. מ׳האָט געזען באַשיים־פּערלעך אַז ס׳קינד איז אַ גילגול פֿון אַ הייליקער נשמה. ר׳איז געהאָט אויפֿגעוואַקסן הויך און צו פֿיר יאָר האָט אים געשפּראָצט אַ באָרד. דעמאָלט האָט מען אים אַ נאָמען געטאָן די ינוקא, נאָך דער ינוקא פֿון זוהר. און אַזוי איז שוין געבליבן. כ׳זאָל אייַך וועלן מאריך זייַן קאָן איך אָפּזיצן מיט אייַך ביזן מאָרגן, אָבער וואָס איז די פּעולה? צו פֿינף יאָר האָט צדוק געהאָט אַ לאַנגע באָרד. די מוטער האָט גערעדט וועגן טאָן אַ שידוך, אָבער ווער וועט זיך משדך זייַן מיט אַ פֿינף־יעריק קינד? דערבייַ איז ער שוין אין גאַנצן אַרייַנגעטאָן אין קבלה. קהל האָט אים אָפּגעגעבן אַ שטיבל און ער איז דאָרט געזעסן און געלערנט תיקוני־זוהר, עץ־החיים, ספֿר־יצירה, ברית־מנוחה און כ׳ווייס־וואָס. מ׳האָט אים געגעבן קוויטלעך, נאָר ר׳האָט נישט געוואָלט נעמען. מ׳איז געפֿאָרן צו אים פֿון דער גאַנצער וועלט. נאָר מ׳האָט זעלטן עמעצן אַרייַנגעלאָזט. קהל האָט אים געדונגען אַ משמש. ס׳זענען דאָ אומעטום אויפֿגעקלערטע לייַט, נאָר אַז מ׳האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם צדוקלען האָט מען געמוזט קריגן אַ הרהור־תשובֿה. ס׳פּנים האָט געשייַנט. שבת האָט ער געפֿירט טיש, אָבער נאָר פֿאַר יחידי־סגולה. ר׳האָט געזאָגט תורה, אָבער מ׳האָט ווייניק פֿאַרשטאַנען. ר׳האָט זיך נייַערט געפּוחעט אין גימטריאות און נוטריקון. אַז ר׳האָט זיך פֿאַרטאָן האָט ער גערעדט תרגום־לשון. ווער פֿאַרשטייט הייַנטיקע צייַטן תרגום און נאָך דערצו אַז מען רעדט גיך? געשריבן האָט ער אַזוי אַז מ׳האָט געמוזט לייענען די כתבֿים אין אַ שפּיגל.

מיט אַ מאָל האָט מען געהערט אַז די ינוקא ווערט אַ חתן. די מעשׂה איז געווען אַזוי: אין אַ שטעטל דערנעבן האָבן זיך בייַם ראש־הקהל נישט געהאַלטן קאַ׳ קינדער. זיבן קינדער זענען לאַ־עלינו אַוועק פֿאַר די דרייַ יאָר. ס׳אַכטע, אַ מיידל, האָט געלעבט, נאָר טאַטע־מאַמע האָבן געציטערט. יעדע נאַכט האָט מען מיט איר געזאָגט ווידוי. אַ סגולה צו אריכות־ימים. מ׳האָט זי אָנגעטאָן אין ווייַסן און מ׳האָט איר אַ נאָמען געגעבן אַלטע, אָפּצונאַרן דעם מלאך־המוות. דער פֿאָטער איז געפֿאָרן צו גוטע יידן נאָך עצות. כ׳געדענק נישט וואָסער רבי ס׳האָט אים געראָטן ער זאָל נעמען די ינוקא פֿאַר אַן איידעם. דאָס מיידל איז אַלט געוואָרן אַ יאָר פֿערצן און די ינוקא בלויז אַ יאָר פֿינף, אָבער ר׳האָט אויסגעזען ווי אַ ייִד פֿון פֿערציק, מיט אַ באָרד און פּאות. ווער ס׳האָט אים נישט געזען ווייסט נישט וואָס ס׳איז שינוי־טבֿע. מ׳האָט מורא געהאַט די ינוקא וועט נישט אייַנוויליקן, נאָר ר׳איז באַשטאַנען. באַשערטע זאַכן! כ׳בין אַליין געווען אויף די תּנאים: אַ פֿערצן־יעריק מיידל מיט אַ פֿינף־יעריק קינד וואָס האָט אויסגעזען ווי איר טאַטע. מ׳האָט געשריבן תּנאים, געבראָכן טעלער. די גאַנצע צייַט איז די ינוקא געזעסן און די ליפּצן האָבן געמורמלט. ער האָט אַוודאי געקלעטערט אין די עולמות עליונים. ווער ווייסט ווו ער האָט אָנגעשפּאַרט! כ׳ווייס נישט פֿאַר וואָס, נאָר ביידע צדדים האָבן זיך געאייַלט מיטן זמן־חתונה. מ׳האָט אָפּגעשטעלט די חתונה אויף שבת־נאָך־שבֿועות און אין חתנס שטאָט, נישט אין דער כלהס, ווייַל דאָ איז מען שוין צוגעוווינט און דאָרט וואָלט געוואָרן אַ גע־פּילדער. אַכציק ווייַסע זשופּיצעס האָבן געטאַנצט אויף יענער חתונה, — רביים פֿון פּוילן, וואָלין, אַפֿילו פֿון גאַליציע. ס׳זענען זיך אָנגעפֿאָרן אַפּיקור־סים אויך — דאָקטוירים, דייַטשלעך, פֿילוסופֿים וואָס זוכן אומעטום דעם דרך־הטבֿע. דער גובערנאַטאָר האָט אויך צו וויסן געטאָן אַז ער קומט, אָדער אפֿשר איז עס געווען דער וויצע־גובערנאַטאָר. ס׳האָבן זיך צונויפֿ־געזאַמלט עקרות, דיבוקים, ניכפּהניקעס, קאַלטנס. מ׳האָט געבראַכט אַ מויד וואָס אַז זי האָט געשלוקערצט, האָט זי געבילט ווי אַ הונט. זי׳ט געדענקט פֿון אויסנווייניק גאַנצע פּרקים משניות. זי׳ט געזונגען מיט אַ קול פֿון אַ חזן. מ׳האָט געמאַכט אַ שם אַז ווער ס׳וועט זייַן אויף דער דאָזיקער חתונה, וועט מען אים אַרויסשלעפּן פֿון גיהנום בייַ די פּאות. די האַרבעריקן זענען געוואָרן פֿול. אַ סך אָנגעפֿאָרענע האָבן גענעכטיקט אין גאַס. מ׳האָט אויס־געליידיקט די קראָמען און מ׳האָט געשיקט שפּיליטערן קיין לובלין קויפֿן שפּייַז.

איצט הערט אַ מעשׂה: דרייַ טאָג פֿאַר דער חתונה איז די מוטער אַרייַן צו דער ינוקא אין דער פֿרי מיט אַ גלאָז טיי. זי טוט אַ קוק — די באָרד איז ווייַס ווי שניי, דאָס פּנים געל און געווירעט ווי פּאַרמעט. אין איין נאַכט איז די ינוקא געוואָרן אַ זקן. די מוטער האָט זיך צעוויינט: אַ קינד נאָך נישט קאַ׳ זעקס יאָר! ס׳איז זיך צונויפֿגעלאָפֿן אַן עולם, אָבער מ׳האָט קיינעם נישט אַרייַנגעלאָזט. ס׳פֿעלן נישט קאַ׳ן אָפּזאָגערס און מ׳האָט גלייַך צו וויסן געטאָן די מחותּנים. אָבער וואָס העלפֿט דאָס? ווער וועט זיך דאָס אייַנשטעלן אָפּצולאָזן אַזאַ שידוך? מ׳האָט דער כלה גאָרנישט דערציילט. הקיצור, ס׳איז דער טאָג פֿון דער חתונה. אויפֿן חתן־מאָל האָט דער חתן מגלה געווען רזין דרזין. מ׳האָט ממש געזען ווי פֿלאַמען פֿייַער זענען אים אַרויס פֿון מויל. אַז ס׳איז געקומען צום באַדעקנס, איז געוואָרן אַן ענגשאַפֿט און אַ שטיקעניש. די אונטערפֿירערס האָבן נישט געפֿירט דעם חתן, נאָר אים געטראָגן ווייַל ר׳האָט נישט געהאַט קאַ׳ כּוח אין די פֿיס. אַז מ׳האָט דער כלה אַראָפּגענומען ס׳דעקטוך און זי׳ט דערזען אַ זקן, איז זי זיך פֿאַר־גאַנגען אין אַ געיאָמער, אָבער מ׳האָט זי אייַנגעשטילט. כ׳האָב שפּעטער

"I know it's hard to believe but I myself can attest to its truth. Zekele, who was our water carrier, used to bring the boy to our house to show him off. At three, Zaddock preached in the synagogue. He opened his mouth and out spouted the Torah. Anyone who wasn't present on that great Sabbath before Passover doesn't know what a miracle is. Even a blind man could see that the child must be the reincarnation of some ancient saint. At four he was as tall as an adolescent and began to sprout a beard. That was when they started calling him the Jenukah after the holy child in the *vohar*. But we'd sit here all night, if I told you everything about him. Why elaborate? At five Zaddock had a long beard. It was time for him to have a wife but who would marry his daughter to a five-year-old boy? Anyway, Zaddock was completely immersed in the Cabala. The community gave him a room and Zaddock spent his time there studying the *ohar*, the *Tree of Life*, the *Book of Creation*, and the *Book of the Esoterics*. People offered to give him money to pray for them, but he refused. There are unbelievers everywhere, but whoever looked at Zaddock no longer doubted. On the Sabbath he sat at the head of the table presiding like a rabbi, and only a few select people were allowed to be with him. Even these learned men found it difficult to understand his profound exegesis. He had a special genius for translating the alphabet into numbers and creating acrostics. Sometimes, when he was in a forgetful mood, he would speak entirely in Aramaic. His handwriting was such that what he wrote had to be read in a mirror.

"Then suddenly the news came that the Jenukah was engaged. It seemed that in the neighboring town there was a rich man, seven of whose children had died before they were three. His only surviving child was a girl whom he dressed in white linen and called Altele, Little Old One, to fool the Angel of Death. I don't remember the man's name but he was advised by some rabbi to marry his daughter to the Jenukah. The girl was fourteen. The Jenukah at five looked like a man of forty. They didn't think he would consent, but he did. I went to the engagement party myself. The girl looked as if she were marrying her father. They signed the contract and broke plates for good luck. Throughout the ceremony, the Jenukah kept mumbling to himself. He was probably receiving instructions from Heaven. I don't know why, but both sides were anxious to get the wedding over with quickly. The engagement took place on Chanukah and the wedding was set for the Sabbath after Pentecost. It took place not in the bride's town, as was the custom, but in the bridegroom's, because it was feared that the sight of the Jenukah would be too much for people not accustomed to him. Eighty rabbis, all specialists in miracles, were invited. They came not only from Poland proper, but also from Volhynia and Galicia. Many freethinkers, doctors, and philosophers also attended. Among the guests were the governor of Lublin and I think the vice governor, too. Barren women came, hoping that their presence there would cure them. Someone brought a girl whose hiccups sounded like the barking of a dog. She recited whole chapters from the Mishnah and when she sang from the prayer book, her voice was deep as a cantor's. The inns were packed, word having got about that whoever attended the wedding would never be condemned to the fires of Gehenna. Many visitors had to sleep in the streets. The stores were emptied so quickly of food that wagons had to be sent to Lublin for more provisions.

"Now listen to this. Three days before the wedding the Jenukah's mother entered his room to bring him a cup of tea. She took one look and saw that his beard was as white as snow. His face was yellow and as lined as parchment. She called the rest of the family. Though a child not yet six-years-old, he had turned into a hoary sage. A crowd gathered, but was not let into the house. Someone informed the bride's parents of what had happened. But they didn't dare break the engagement.

"The day of his wedding at the feast for the young men, the Jenukah divulged mystery upon mystery. When the time came to lift the veil from the bride, the crowd surged forward wildly. The groom's attendants did not escort, but carried him. He seemed to be completely debilitated. When the bride saw that the Jenukah was an old man, she began to weep and protest, but finally was

געקוקט ווי חתן־כּלה עסן די גילדענע יויך. ביידע האָבן קוים פֿאַרזוכט, הגם זיי האָבן אָפּגעפֿאַסט אַ זומערטאָג. די כּלי־זמר האָבן זיך נישט דער־וועגט צו שפּילן. דער בדחן האָט געשוויגן. די ינוקא איז געזעסן אויבן אָן און פֿאַרשטעלט די אויגן. אין דער נאַכט פֿון דער חתונה איז ער געוואָרן אַ סגי־נהור.

כ׳געדענק שוין נישט צי מ׳האָט אויפֿגערופֿן צום מיצווה־טענצל. מסתּמא יאָ. די ינוקא האָט געלעבט אין גאַנצן נאָך דרײַ חדשים. ר׳איז געוואָרן אַלץ ווײַסער און אײַנגעשרומפּענער. ר׳האָט זיך אויסגעבויגן ווי אַ ליכט. די לעצטע טעג האָט מען קיין שום פֿרעמדן נישט צוגעלאָזט, אַפֿילו נישט דעם דאָקטער. די ינוקא איז געזעסן אין טלית־און־תּפֿילין, אין אַ קיטל, אַ קדוש וטהור, אַ קשישא נישט־פֿון־דער־וועלט. ר׳האָט אין גאַנצן אויפֿגעהערט עסן. ר׳האָט אַפֿילו מער נישט אַראָפּגעשלונגען קאַ׳ לעפֿעלע טיי. דער וואָרקער האָט שפּעטער געזאָגט אַז די ינוקא האָט געזאָלט זײַן משיח, נאָר דער שׂטן האָט זיך אַרײַנגעלייגט. כ׳בין גראָד נישט געווען אין שטאָט ווען די ינוקא איז נסתּלק געוואָרן, אָבער מ׳האָט דערציילט אַז מ׳האָט נישט געקאָנט פֿאַרבײַ לעבן הויז, אַזוי האָט געברענט די קדושה. ס׳פּנים האָט געגליט ווי די זון. אַן אַפּטייקער וואָס איז געקומען אָפּשפּעטן, איז געוואָרן אַ בעל־תּשובֿה און אַרײַנגעטאָן אַרבעס אין די שטיוול. אַ גלח איז אַוועק קאַ׳ קירה זיך מגייר זײַן. מ׳האָט באַשײַמפּערלעך געהערט ווי מלאכים פּאַטשן מיט די פֿליגל. מיט אַ מאָל האָט די ינוקא געטאָן אַ זיפֿץ ויצאה נשמתו בטהרה.

די חבֿרה־קדישא וואָס האָבן אים מטהר געווען האָבן געשוווירן אַז ס׳איז נישט געווען וואָס מטהר צו זײַן. ר׳איז כּמעט געבליבן אָן אַ גוף. בײַ די גאָר גרויסע ווערט דאָס גשמיות אַליין רוחניות. די גאַנצע שטאָט איז נאָכגעגאַנגען נאָך דער מיטה. ס׳זענען זיך אָנגעפֿאָרן צדיקים און מקובלים. די הספּדים האָבן געדויערט דרײַ טעג. קהל האָט מנדבֿ געווען געלט אויפֿצושטעלן אַן אוהל און אַ נר־תּמיד. מ׳האָט אויך באַזאָרגט דעם זעקעלען מיט אַ פּענסיע. ס׳איז אַ זכיה צו האָבן אַזאַ קינד.

— וואָס איז געוואָרן מיט דער אַלמנה? — האָט זלמן גלעזער געפֿרעגט.

— מער קיין מאָל נישט חתונה געהאַט.

— קאַ׳ קינד איז נישט געבליבן?

— שטותים!

— זי׳ט לאַנג געלעבט?

— זי לעבט עד־היום.

— ווער איז געווען די ינוקא? — האָט לוי־יצחק אַ פֿרעג געטאָן.

מאיר טומטום האָט געטאָן אַ לאַך.

ווער ווייסט? מ׳שיקט אַ מאָל אַראָפּ אַ נשמה וואָס דאַרף אַלץ מתקן זײַן אויף דער גיך. וואָס איז מיט אַ נפֿל וואָס לעבט בלויז איין טאָג? אַלץ איז תּיקון. אַ מאָל האָט אַ ספֿר־תּורה אַ סך גרײַזן און אַ מאָל — בלויז איין גרײַז. פֿאַרריכטן קאָן מען בלויז דאָ, אויפֿן עולם התּחתּון. דער עולם הקליפּות איז דער עולם התּיקון, — דאָס איז דער ענטפֿער אויף אַלע קשיות...

quieted. I was there myself and saw everything. When the bride and groom were served the golden soup, they scarcely touched it, though both had fasted. The musicians were afraid to play. The jester didn't open his mouth. The Jenukah sat at the head of the table, holding his hands over his eyes. I don't remember whether he danced with the bride or not. He lived only three months more. Each day he became whiter and more shrunken. He drooped and melted like a wax candle. The last few days of his life no strangers were allowed in his room, not even the doctor. The Jenukah, dressed in a white robe, and wearing his prayer shawl and phylacteries, sat like an ancient saint not of this world. He stopped eating. When they gave him a spoonful of soup, he couldn't swallow it. I happened to be out of town when the Jenukah died, but I was told that at the moment of death his face shone like the sun. You couldn't pass near the house without feeling the heat of his saintly radiance. An apothecary who came to ridicule him became a believer and put peas in his boots as penance. A priest was converted. Those who were at the deathbed heard the beating of an angel's wings. The Jenukah had ordered that his shroud be made while he was still living. He died with the finishing of the last stitch.

"When the men from the Burial Society came, they found almost no body left to wash. With such saints, even matter turns into spirit. The pallbearers said that the corpse was lighter than a bird's. The eulogies took three days to complete. Afterwards, the community raised money to build a chapel on the grave in which was to burn an eternal light. Zekele was provided with a pension. One should receive something for being the father of such a son."

"What happened to the widow?" Zalman the glazier asked.

"She never remarried."

"Was there a child?"

"Ridiculous."

"Did she live long?"

"She's still alive."

"Who was the Jenukah really?" Isaac Amshinover wanted to know.

"How can you tell? Sometimes a soul is sent down from Heaven which has to fulfill its mission in a hurry. Why are some babies born who live only one day? Every soul descends to earth to correct some error. It's the same with souls as with manuscripts; there may be few or many errors. Everything that's wrong on this earth has to be corrected. The world of evil is the world of correction. This is the answer to all questions."

*Translated by Ruth Whitman and Cecil Hemley*

# Stories from Behind the Stove

# מעשׂיות פֿון הינטערן אויוון

### א

אין דרויסן איז געהאַט אָנגעפֿאַלן אַ געדיכטער שניי. קעגן נאַכט האָט זיך געשטעלט אַ פֿראָסט. פֿון דער ווײַסל האָט געבלאָזן אַ קאַלטער ווינט, אָבער אין בית־מדרש האָט דער ליימענער אויוון געבריט. קבצנים האָבן געבראָטן קאַרטאָפֿל אויף די גליִענדיקע קוילן. בחורים וואָס לערנען אַשמורות האָבן אַוועקגעלייגט די גאַרטלען אויף די גמרות פֿאַר אַן ערובֿ, זיך צוגעהערט צו די מעשׂיות. ס׳איז געהאַט געקומען צו רייד וועגן מענטשן און זאַכן וואָס ווערן פֿאַרלוירן און זלמן גלעזער האָט אויפֿגעהויבן אַ טאַבאַק־געלן פֿינגער, אַ סימן אַז ער וויל עפּעס דערציילן. ער האָט געהאַט אַ געדיכטע באָרד ווי קויטיקע וואַטע און צוויי ברעמענבאַרשטן איבער די אויגן — קליינע און טונקעלע ווי בײַ אַ יאָזש. איידער ער האָט אָנגעהויבן רעדן, האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ מרוקעניש און אַ כאָרכלעניש ווי אַ וואַנטזייגער פֿאַרן קלינגען.

Outside, a heavy snow was falling. Toward evening, frost set in. An icy wind blew from the Vistula, but in the study house the clay oven was burning hot. Beggars roasted potatoes on the coals. Boys who studied at night marked their places by laying their sashes on their open books, and listened to stories. There was talk about people and things vanishing, and Zalman the glazier lifted up his tobacco-stained index finger as a sign that he had something to tell. He had a thick beard that looked like dirty cotton, and bushy eyebrows over eyes that were small and dark like those of a hedgehog. Before he began to talk, he murmured and grunted like a clock getting ready to strike.

— מענטשן ווערן פֿאַרלוירן — האָט ער געזאָגט. — נישט יעדער איינער איז אליהו הנבֿיא וואָס מ׳נעמט אים מיט אַ פֿײַערדיקן רײַטוואָגן אין הימל אַרײַן. נו, און וואָס איז געשען מיט חנוכן? אין דעם דערפֿל פֿאַלקעס נישט ווײַט פֿון ראַדאָשיץ האָט אַ פּויער געאַקערט מיט אַן אָקס. פֿון הינטן איז נאָכגעגאַנגען דער זון מיט אַ טאָרבע און געזייט גערשטן. ער טוט אַ קוק: דער אָקס שטייט און דער טאַטע איז נישטאָ. ער׳ט גענומען שרײַען, רופֿן — אַ נעכטיקער טאָג. אויסגערונען אין מיטן פֿעלד. מ׳האָט מער פֿון דעם ערל נישט געהערט.

— אפֿשר איז געווען אַ לאָך אין דער ערד און ער איז אַהין אַרײַנגעפֿאַלן? — האָט לוי־יצחק געפֿרעגט.

— מ׳האָט נישט געזען קיין שום לאָך. נו, און פֿאַר וואָס איז דער אָקס נישט אַרײַנגעפֿאַלן? ער איז געגאַנגען פֿאָרויס.

— הייסט עס, די שדים האָבן אים פֿאַרכאַפּט?

— כ׳ווייס נישט.

— אפֿשר איז ער אַנטלאָפֿן מיט עפּעס אַ פּויערטע? — האָט מאיר טומטום זיך אָנגערופֿן.

— נאַרישקייטן. אַן אַלטער פּויער, אַ זעכציקער און אפֿשר מיט אַ שמיצל אַריבער. אַ פּויער אַנטלויפֿט נישט פֿון זײַן ערד, זײַן כאַטע. אויב ער וויל אַ פּויערטע גייט ער אַוועק מיט איר אין שײַער.

— אויב אַזוי, האָבן אים פֿאַרטראָגן יענע לײַט — האָט לוי־יצחק געפּסקנט.

— פֿאַר וואָס גראָד אים? — האָט זלמן גלעזער געפֿרעגט. — אַ שטילער גוי. וואָיטשעך קוצעק, אַזוי האָט מען אים גערופֿן. פֿאַר סוכּות פֿלעגט ער ברענגען פֿורן סכך קיין ראַדאָשיץ. מײַן אייגענער טאַטע האָט געקויפֿט בײַ אים. קעגן וואָס זאָג איך עס? ס׳טרעפֿט. לעבן בלוינע האָט געוווינט אַ ייִד, ר׳ זעליג פּאַכטער. ר׳האָט געהאַט אַ געוועלב און אַ קאַמער וווּ ר׳האָט געהאַלטן האָלץ, פֿלאַקס, קאַרטאָפֿל, אַלטע שטריק. ס׳איז דאָרט געשטאַנען אַ שליטן אויך. ער הייבט זיך אויף באַגינען — די קאַמער איז נישטאָ. ר׳האָט נישט געגלייבט די אייגענע אויגן. ווען ס׳וואָלט געווען בײַ נאַכט אַ ווינט, אַ שטורעם, אַ פֿאַרפֿלייצונג! געשען איז עס נאָך שבֿועות. לינדע טעג, שטילע נעכט. אין אָנהייב האָט ער געמיינט אַז ר׳איז פֿון זינען אַראָפּ. ר׳האָט גענומען רופֿן ס׳ווײַב, די קינדער. זיי לויפֿן אַרויס — וווּ איז די קאַמער? נישטאָ קאַ׳ קאַמער. ווען אַ שטורעמווינט בלאָזט אַוועק אַ געבײַ, בלײַבט אַ פֿונדאַמענט, אַ שוועל, לײַסטן, שינדלען. דאָ איז אַלץ גלאַטיק — אַ לאָנקע, גראָז, ווי קיין מאָל גאָרנישט. מילא, צו אַ מענטש קאָנען די בײַ־נאַכטיקע האָבן פּרעטענזיעס, אַ חזקה, אָדער כ׳ווייס וואָס. אָבער וואָס ווילן זיי פֿון אַ קאַמער? און ווי וואַקסט עפּעס אָן גראָז איבער נאַכט? אַז מ׳האָט דערהערט די זאַך אין בלוינע איז געוואָרן אַ לויפֿעניש ווי צו אַ שׂרפֿה. אַפֿילו חדר־קינדער זענען אָנגעלאָפֿן. אַלע האָבן געקענט זעליג פּאַכטער. שבת ווען די שנײַדער־געזעלן און שוסטעריונגען גייען שפּאַצירן אויפֿן שטראָז, זענען זיי פֿאַרבײַ די קאַמער. אַז ס׳האָט גערעגנט, פֿלעגן זיי דאָרט אָפּוואַרטן ביז ס׳אומוועטער איז אַריבער. זעליג האָט נישט אָנגעהאַנגען קיין שלעסל אויף דער טיר, בלויז פֿאַרקייטלט פֿון דרויסן. וואָס האָט מען דאָרט געקאָנט גנבֿענען? כ׳בין געווען אין בלוינע אַן אײדעם אויף קעסט. אַז אַלע לויפֿן, לויף איך אויך. ס׳איז געקומען דער פּריץ יאַבלאָווסקי, די גאַנצע נאַטשאַלסטווע. מ׳שטייט און מ׳גלאָצט ווי די גולמס. מ׳קנײַפּט זיך די באַקן צי ס׳איז נישט קאַ׳ חלום. דער פּריץ טוט אַ געשריי: אָדער איך בין משוגע, אָדער איר, ייִדעלעך, פֿאַרבלענדט מיר די אויגן. אין אַ קליין שטעטל קען מען יעדעס הויז, יעדעס געסל, יעדן קלאָץ. וואָס איז דאָס, שרײַט ער, כּישוף? אין מיטן העלן טאָג? ער פֿאָכעט מיטן בײַטשל און וויל אַלעמען שלאָגן. ער נעמט שמײַסן די אייגענע כאָליעוועס. ר׳האָט געהאַט אַ ריזיקן הונט און ער בילט סכּנת־נפֿשות. אויב די קאַמער וועט נישט באַלד שטיין ווו זי איז געשטאַנען, טוט דער פּריץ אַ רוף, וועל איך אײַך אַלע פֿאַרשמײַסן צום טויט. ס׳ברענט אין אים די יוכע. ער׳ט געהאַט פֿאַרגעסן אַז ס׳איז אויס פּאַנשטשיזנע. דער זעליג טענהט: פּריץ ליכטיקער, וואָס איז דאָס מײַן שולד? דער פּריסטאַוו גאַפֿט מיט אַן אָפֿענעם פּיסק. ער האָט געהאַט אַ פּאָר לאַנגע וואָנצעס ביז די אַקסלען.

ס׳האָט פּראַקטיצירט אין בלוינע אַ דאָקטער, כאַלטשינסקי. ר׳האָט גערעדט ייִדיש ווי אַ ייִד. ר׳איז קיין מאָל נישט געגאַנגען אין קלויסטער. ער׳ט זיך געברידערט מיט די אויפֿגעקלערטע ייִדן, פֿאַליק דער אַפּטייקער, ברוך דער פּראָזשבע־שרײַבער, בענצע קאַמינער. יעדע נאַכט פֿלעגן זיי אָפּזיצן ביז איינס אַ זייגער בײַם סאַמאָוואַר, אָפּלאַכן פֿון אַלעמען, שפּילן קאָרטן. די ווײַבער זענען געגאַנגען אין די בלויזע האָר. ווי הייסט עס? משׂכּילים. דער פֿאַליק שטייט אין אַפּטייק און וועגט אַ קרײַטעכץ. אַ בחור קומט אים דערציילן פֿון דעם טראַף און דער פֿאַליק מאַכט פֿון אים אַש און בלאָטע: אויב ביסט פֿון זינען אַראָפּ, גיי אין משוגעים־הויז. אָבער באַלד קומען אַנדערע, אַ גאַנץ געזעמל עדות. מ׳שווערט האַרבע שבֿועות. דער פֿאַליק טוט אַ זאָג: וואָס נאָך פֿאַר אַ שמאָנצעס וועט עץ אויסקלערן? אפֿשר איז דער רבֿ פֿאַרגאַנגען אין טראָגן און געבוירן אַ קאַלב? ער׳ט פֿון דעסט וועגן פֿאַרשלאָסן די אַפּטייק און איז אַוועק אויפֿן זאַמד צו זעליגן. די אַנדערע דײַטשלעך זענען שוין אויך דאָ. דער פֿאַליק טוט אַ זאָג צו די גויים: פּאַנאָוויע, אַ קאַמער האָט נישט קיין פֿיס און קאָן נישט גיין. עפּעס אַ סיבה איז פֿאַראַן. לאָמיר, זאָגט ער, זוכן. מ׳איז אַוועק זוכן אין אַלע זײַטן. מ׳האָט זיך אַרומגעשלעפּט אַ האַלבן טאָג אומזיסט און אומנישט. אַ שווערע קאַמער, געבויט מיט קלעצער, האָט געפּלאַצט ווי אַ בלעזל.

"People do vanish," he said. "Not everyone is like the Prophet Elijah, who was taken to heaven in a fiery chariot. In the village of Palkes, not far from Radoshitz, a peasant was plowing with an ox. Behind him walked his son, sowing barley from a bag. The boy looked up and the ox was there but his father had gone. He began to call, to scream, but there was no answer. His father had disappeared in the middle of the field. He was never heard from again."

"Perhaps there was a hole in the earth and he fell in?" Levi Yitzchock suggested.

"There was no hole to be seen—and if there had been a hole, why didn't the ox fall in first? He was in the lead."

"Do you mean that the demons carried him away?"

"I don't know."

"Perhaps he ran away with some woman," Meir the eunuch suggested.

"Nonsense, an old man of seventy—maybe more. A peasant does not run away from his earth, his hut. If he wants a woman, he goes with her into the granary."

"In that case, the Evil Ones took him," Levi Yitzchock said judiciously.

"Why just him?" Zalman the glazier asked. "A quiet man, Wojciech Kucek—that was his name. Before the Feast of the Tabernacle, he used to bring branches for covering the Sukkoth. My own father bought from him. These things do happen. Near Blonia there lived a man, Reb Zelig the bailiff. He had a store and a shed where he kept kindling wood, flax, potatoes, old ropes. He had a sleigh there too. He got up one morning and the shed was gone. He could not believe his eyes. If during the night there had been a wind, a storm, a flood! But it happened after Pentecost—calm days, quiet nights. At first he thought he had lost his mind. He called his wife, his children. They ran out. 'Where is the shed?' There was no shed. Where it had been, everything was smooth—high grass, no beams, shingles, no sign of a foundation. Nothing. Well, if the night creatures seize a man, they may have some claim, but what would they want with a shed? And how can grass grow up overnight? When they heard about this in Blonia, they ran as though to a fire. Even cheder children came running. Everybody knew Zelig the bailiff. Saturday, after the pudding, when the tailor boys and shoemaker apprentices went for a walk they always passed the shed. If it happened to rain, they used to wait there, inside, to keep dry. Zelig did not have a lock on the door. He just bolted it from outside. There were no thieves in Blonia. At that time I was boarding with my father-in-law. Since the whole town was running, I ran too. Squire Jablowski came, and even the Russian officials. They stood and stared at each other like graven images. People pinched their cheeks to make sure they were not dreaming. Jablowski hollered, 'Either I am crazy or the Jews trick me!' In a small place, everybody knows each house, each alley, each store. 'Witchcraft in the middle of the day!' he yelled. He waved his whip. He had a huge dog that barked ferociously. 'If the shed does not stand where it has always stood, and at once, I will whip you all to death.' He had forgotten that the serfs had been freed. Zelig defended himself. 'Your Excellency, is this my fault?' The chief of police stood near the squire, gaping. He had long mustaches almost to his shoulders. A Dr. Chalczynski had his practice in Blonia. He was there with the others. A strange man. Even though he was a Gentile, he could speak Yiddish. He never went to church. He was a friend of the enlightened Jews—Falik the druggist, Baruch the petition writer, Bentze Kaminer. Each night they used to sit until one o'clock around the samovar, mocking everybody and playing cards. Their wives did not cover their hair. That morning Falik stood behind the counter, weighing some herbs. A young man came in and told him what had happened, and Falik ridiculed him: 'If you have lost your mind, go to a madhouse.' But soon others came—all witnesses. They swore holy oaths that it was true. Falik said to them, 'What other tall tales will you invent? Perhaps the rabbi became pregnant and gave birth to a calf?' Nevertheless, he locked the drugstore and went to have a look for himself. The other skeptics were already there. Falik said to the Gentiles, 'My good people, a shed has no legs and cannot walk. There must be some reason. Let's go and find it.' So they all went off to look for the shed. They walked around for half a day, but there was no sign of anything. A heavy shed built of logs had burst like a bubble.

ווי לאַנג קאָן מען זיך וווּנדערן? סוחרים דאַרפֿן האַנדלען, מאַמעס מוזן אָנזויגן קינדער. דער פּריץ איז אַוועק אין שענק און זיך אָנגעשיכּורט. ער'ט בלויז געדאַרפֿט אַ געלעגנהייט זיך אָנצוזויפֿן. ער'ט געשאָלטן די ייִדן טויטע קללות. ס'איז אַלץ, שרײַט ער, ייִדישער שווינדל. נו, אָבער דער דאָקטער כאַלטשינסקי וויל נישט אָפּטרעטן. ער פֿאָרשט. ער מעסט. ער שנאָפּט. ער'ט זיך אַרומגעדרייט אַרום דעם זעליגס הויז ביז נאַכט. פֿריִער האָט ער זיך געוויצלט. דערנאָך איז ער געוואָרן אומעטיק. ער טוט אַ זאָג צו פֿאַליקן: אויב דאָס איז געמאָלט, וואָס פֿאַר אַ דאָקטער בין איך? און וואָס פֿאַר אַן אַפּטייקער ביסטו? — ס'שטעקט דאָ עפּעס אַ קונץ, אַ שטיקל — שרײַט דער אַפּטייקער. ער'ט זיך אויסגעצויגן אויפֿן גראָז און געשמעקט צו דער ערד. ער'ט זיך געהייסן דערלאַנגען אַ לאָפּעטע. ער וויל גראָבן. דער זעליג זאָגט: די לאָפּעטע האָב איך געהאַלטן אין דער קאָמער. זי איז אַוועק מיט איר צוזאַמען.

צו מאָרגנס זענען זיי געקומען מיט לאָפּעטעס, דאָס גאַנצע געזינדל אַפּיקורסים. מ'האָט אויסגעגראָבן אַ גרוב פֿיר איילן טיף. די ערד איז פֿול מיט וואָרצלען און שטיינער. די קאָמער איז נישט אײַנגעזונקען.

איצט הערט אַ מעשׂה. צוויי וואָכן זענען אַריבער. מילא, די פּשוטע מענטשן האָבן אַנדערע זאָרגן. מיר, יונגע־לײַט אין בית־מדרש, די קעסט־קינדער, האָבן יאָ געשמועסט. אָבער וואָס קומט אַרויס פֿון די גריבלענישן? מיר זענען אַלע געקומען צום אייגענעם אויספֿיר: לצים. אַט ווערט דאָך דערמאַנט אין חומש אַז אַ הויז קען זײַן קרעציק. די נישט־גוטע זענען קאַפּאַבל אויף אַלץ. נו, אָבער דער דאָקטער כאַלטשינסקי, פֿאַליק דער אַפּטייקער און די אַנדערע חכמימלעך האָבן ווײַטער גענישטערט, אויס־געפֿרעגט. דאָקטער כאַלטשינסקי האָט געהאַט אַ קאָלעס מיט צוויי פֿערד. פֿאַליק האָט געהאַט אַ בריטשקע. זיי זענען אַרומגעפֿאָרן מײַלן, אפֿשר וועט מען געפֿינען די פֿאַרלוירענע קאָמער. זיי האָבן אויסגעפֿרעגט פּויערים. קיינער ווייסט ניש' פֿון קאַ' פּיתרון און קאַ' חלום. בײַ נאַכט האָבן די לײַט מער נישט געשפּילט אין וויסט, נאָר זיך געחקרנט. אויב אַ קאָמער קען צעגיין ווי שניי, אפֿשר איז דאָ אַ גאָט? דאָקטער כאַלטשינסקי איז אַוועק צום רבֿ. צום גלח איז ער נישט געגאַנגען ווײַל כאַלטשינסקי פֿלעגט אויס אים טרײַבן לצנות און בייזע צינגער האָבן עס אָפּגעטראָגן. זיי זענען זיך געוואָרן שונאים. דער דאָקטער איז אָפּגעזעסן אין בית־דין־שטוב שעהען. ווערט דערמאַנט, פֿרעגט ער, אַזאַ זאַך אין דער תּורה? איז דאָס אַ שטראָף פֿאַר עפּעס אַ זינד? דער רבֿ האָט נישט געוווּסט וואָס צו ענטפֿערן. בײַ גאָט, זאָגט ער, איז אַלץ מעגלעך.

יאָ, צוויי וואָכן זענען אַריבער. אין איינעם אַ פֿרימאָרגן, זעליג גייט אַרויס גאַנץ פֿרי און ער דערזעט די קאָמער. ער האָט גענומען שרײַען מיט באַנומענע קולות און זיך קלאַפּן אין קאָפּ. ס'גאַנצע הויזגעזינד איז אַרויס באָרוועס און נאַקעט. די קאָמער שטייט ווי קיין מאָל גאָרנישט. מ'האָט זיך דערוווּסט אין בלוינע און ס'איז פֿון ס'נײַ אַ געפּילדער. מ'לויפֿט פֿון אַלע זײַטן. טייל לאַכן, אַנדערע וויינען. דער פּריץ יאַבלאָווסקי איז אָנגעריטן גאַלאָפּ. די קאָמער שטייט ווו זי איז געשטאַנען. מ'גייט אַרײַן אינעווייניק: אַלץ איז געבליבן. נישט מער, זומער אַז קאַרטאָפֿל שטייען, הייבן זיי אָן בליִען און ס'שפּראָצן אַרויס וואָרצלען. וואָס איז דאָס פֿאַר אַ נײַ שפּיצל? — ליאַרעמט דער פּריץ יאַבלאָווסקי. — איכ'ל אײַך אַלעמען אָפּהאַקן די קעפּ. אײַך פֿאַרטרײַבן צו אַל די רוחות. ער'ט גענומען שלאָגן די קאָמער און זי שטויסן מיטן שטיוול. דער דאָקטער כאַלטשיניסקי איז ווײַס ווי קרײַד. פֿאַליק דער אַפּטייקער קראַצט זיך אין קאָפּ. דאָס ווײַב קלאָגט ווי בײַ אַ לוויה. וואָס יאָמערסטו? — שרײַט ער — ס'איז נישט יום־כּיפּור, און זי בעטשעט אַרויס: בײַ מיר איז הײַנט יום־כּיפּור...

וואָס זאָל איך דאָ לאַנג ברײַען? דעם אַפּטייקערס ווײַב — די פֿאַליקיכע האָט מען זי גערופֿן — האָט תּשובֿה געטאָן. זי'ט אָנגעהויבן בענטשן ליכט, האָט אָפּגעשוירן די האָר, אָנגעטאָן אַ שייטל. זי קומט שוין פֿרעגן שאלות צום רבֿ. פֿאַליק אַליין איז פֿאַרבליבן אײַנגעשפּאַרט. ער טענהט: צוליב אַ קאָמער וואָס שפּילט זיך אין באַהעלטעניש, וועל איך נישט ווערן קיין פֿרומאַק. ער קוקט אַרויף צום הימל און בלעקעצט: אויב ס'איז דאָ אַ גאָט, זאָל ער מיך באַשטראָפֿן דאָ אויפֿן אָרט. זאָל אַראָפּקומען אַ דונער און מיך דערשלאָגן. צווישן מאַן־און־ווײַב איז שוין אַ מחלוקת. זי שטעלט שבת טשאָלנט און ער וויל זי זאָל אים פּרעגלען חזיר־קאָטלעטן.

דער דאָקטער כאַלטשינסקי האָט אין גאַנצן פֿאַרלוירן דעם קאָפּ. מ'האָט אים גערופֿן צו אַ קראַנקן, נאָר ר'האָט דעם חולה נישט באַטראַכט. ער'ט פֿאַרשריבן אַ רעצעפּט, נאָר ס'ווערט ערגער, נישט בעסער. דער נאַטשאַלניק האָט געהייסן אויפֿרײַסן דעם דיל פֿון דער קאָמער און ס'איז נישטאָ קיין צייכן פֿון קיין גראָז און נישט פֿון קיין גרוב. די ערד איז נאַקעט, שטויביק און ס'קריכן אַרום ווערעם. די גאַנצע זאַך איז, ווײַזט אויס, אַ פֿאַרבלענדעניש, אָבער ווי ווערט אַ גאַנצע שטאָט פֿאַרבלענדט? די מעשׂה האָט זיך צעטראָגן איבער גאַנץ פּוילן. מ'קומט קוקן אויף דעם בייזוווּנדער פֿון לויוויטש, סקערניעוויץ, גאָמבין. די פּויערים רעדן, אַז זעליג איז אַ מכשף

"How long can one stand around and wonder? Merchants have to do their business. Mothers must feed their children. The squire went to the tavern and got drunk; he only needed an excuse to begin. He ranted against the Jews. 'It's all a Jewish trick,' he said. But Dr. Chalczynski would not leave Zelig's place. He kept on investigating, measuring, sniffing. He stayed around Zelig's house until night. At first he joked, then he became sad. He said to Falik, 'If a thing like this is possible, what sort of a doctor am I? And what kind of druggist are you?' 'There is some swindle here,' the druggist replied. He stretched out on the grass and examined the earth. He asked for a spade. He wanted to dig. But Zelig said, 'I kept the spade in the shed. It's gone.' The next day the whole lot of enlightened ones arrived with spades. They dug a ditch six feet deep. The earth was full of roots and stones. The shed could not have sunk in.

"Two weeks passed. The simple people had other things to worry about. We young men in the study house did discuss the matter, but for all our pondering we came to the same conclusion: it was done by mocking demons. Doesn't the Bible tell us that even a house can become leprous? The Evil Ones are capable of anything. But Dr. Chalczynski, Falik the druggist, and the other doubters kept on searching and inquiring. Dr. Chalczynski had a phaeton with two horses. Falik had a britska. They drove for miles, trying to locate the lost shed. They asked the peasants, but no one had heard or seen anything. At night the enlightened ones no longer played cards; they brooded. If a shed can dissolve like snow, perhaps there is a God. Dr. Chalczynski went to the rabbi. He wouldn't go to the priest, because he had maligned the Church and evil tongues informed the priest. They had become enemies. The doctor stayed in the rabbi's study for hours. 'Is anything like this mentioned in the Torah?' he asked. 'Is it a punishment for some sin?' The rabbi did not know what to answer. 'With God everything is possible,' he said.

"Well, two weeks passed. Then early one morning Zelig came out of his house and saw the shed. He went wild—screamed and knocked his head. The whole household came out, barefoot, half naked. There stood the shed as if nothing had happened. Someone carried the news to Blonia town. Again there was a commotion. They came running from all sides—some laughed, others cried. Squire Jablowski galloped up on a horse. The shed stood where it always had. They went inside; everything was as before. The only change was that the potatoes had started to sprout as they always do late in the summer.

" 'What new prank is this?' Jablowski shouted. 'I will knock your heads in. I will hound you out of here to the ends of the earth!' He had already had one too many. He pounded the shed and kicked it. Dr. Chalczynski was as white as chalk. Falik the druggist scratched his head. His wife was moaning as if at a funeral. 'Why do you lament? It's not Yom Kippur,' he scolded her. 'For me today is Yom Kippur,' she answered.

"Why should I go on? The druggist's wife turned pious—she began to bless the candles on the Sabbath eve; she cut off her hair, put on a wig; she came to the rabbi with questions. As for Falik, he remained stubborn. He said, 'Just because a shed plays hide-and-seek, I am not going to become a Hasid.' He looked up at the sky and blasphemed. 'If there is a God, let him punish me right here on the spot. Let him send lightning to strike me.' He and his wife started to quarrel. She baked a Sabbath pudding, and he wanted her to fry pork chops for him. Dr. Chalczynski lost his head completely. They called him to a sick man and he barely examined him. He prescribed a medicine, but the sick man grew worse. The chief of police ordered that the floor of the shed be torn up. Underneath, there was no sign of grass or that any ditch had been dug. The earth was bare, dusty, full of worms. The whole thing must have been an illusion. But how can a whole town be deluded? The news of the event spread over half of Poland. They came from Gombin and Lowicz to look at the freak shed. The peasants said that Zelig was a sorcerer and his wife a

און ס'וויַב אַ מכשפֿה. גראָד דעמאָלט בין איך צוריק אַוועק קיין ראַדאָשיץ, אָבער מ'האָט שפּעטער דערציילט, אַז פֿאַליק און פֿאַליקיכע האָבן זיך געגט. זי איז געוואָרן אַ כשרע ייִדענע און חתונה געהאַט מיט אַ פּרנס אין סאָכאַ־טשעוו. פֿאַליק האָט זיך אַריַינגעצויגן קיין וואַרשע און ער'ט זיך געשמדט. אין איינער אַ נאַכט איז דער דאָקטער כאַלטשינסקי אַוועק פֿון שטאָט. ער האָט זיך מיט קיינעם נישט געזעגנט, איבערגעלאָזט אַלע טריף־פּסולען און ס'גאַנצע קלאַפּער־געציַיג.

כ'האָב פֿאַרגעסן דעם עיקר: די קאַמער האָט אָפּגעברענט. שימחת־תורה ביַי נאַכט ווען זעליג און די משפּחה זענען שוין געשלאָפֿן, האָט אַ מויד דערזען אַז ס'איז ליכטיק אין דרויסן ווי ביַי טאָג. די קאַמער האָט געפֿלאַ־קערט ווי אַ שטורקאַץ. זעליג און די זין האָבן געפּרוווט לעשן, נאָר פֿאַרלעש אַ פֿיַיער פֿון גיהנום. אין אַ האַלבער שעה איז פֿון אַלץ געבליבן קוילן און אַש. ס'האָט נישט געבליצט יענע נאַכט און ס'איז דאָרט נישט געלעגן קיין שום זאַך וואָס קען זיך אָנצינדן פֿון זיך אַליין.

— הייסט עס, ס'איז אַלץ געקומען פֿון דער סיטרא־אחרא? — האָט לוי־יצחק געפֿרעגט.

— וואָס האָבן זיי געהאַט צו דער קאַמער?..

ב

לוי־יצחק האָט אַראָפּגענומען די בלויע ברילן וואָס ער האָט געטראָגן אַפֿילו ביַי נאַכט. ער איז שוין אַ זקן, אָבער די באָרד זיַינע האָט נאָך אַלץ געהאַט געלע פּאַסן, דער וואָרצל פֿון דער נאָז האָט געהאַט אַ טיפֿן שראַם. אונטער די רויטע אויגן מיט די געשוואָלענע דעקלעך זענען נאָכגעהאָנגען טאָפּעלע טאָרבעס, רויט ווי ווילדפֿלייש. ער האָט מיט אַ ברעג פֿאַטשיילע געווישט די פֿאַרהויכטע שיַיבלעך און געקרעכצט.

— היַינט איז אַ הסתר־פּנים — האָט ער געזאָגט — אויב ס'געשעט אַפֿילו אַ נס, טיַיטשט מען אויס על־פּי דרך־הטבע. אַמאָליקע יאָרן האָבן זיך נסים געוואַלגערט אונטער די בענק, בעיני ראיתי. דער טאַטע מיַינער, עליו־השלום, איז געפֿאָרן קיין קאַפּעלניצע. פֿריִערדיקע ציַיטן האָט דער קאַפּעלניצער רבי, ר' דן, געהאַט אַן עולם, הגם געקליבענע מענטשן, אַנשי־מעשׂה. אָבער די קינדער זענען אַוועק בחיִיו און ס'איז נישט געבליבן קיין ממלא־מקומו. די רביצין האָט זיך לא־עלינו דערשטיקט ביַי דער שבתדיקער סעודה. זי'ט אַראָפּגעשלונגען אַ שטיקל קוגל און ס'איז איר געבליבן שטעקן אין דער לינקער קעל. אַ טאָכטער האָט זיך דערטרונקען אין ברונעם. געגאַנגען אָננעמען אַן עמער וואַסער און אַריַינגעפֿאַלן. דער זון, לוי־יצחק — כ'הייס טאַקע נאָך אים — איז אַוועקגעפֿאַלן אין מיטן אתרוג־בענטשן. ר' דן האָט געפֿירט מלחמה מיט די חיצונים. אויף אים האָבן זיי נישט געהאַט קיין שליטה, אָבער גענומען נקמה אין דער משפּחה. די אַלטע חסידים זענען ביסלעכוויַיז אויסגעשטאָרבן. די יונגע־לייַט זענען אַוועק קיין קאָצק אָדער קיין גער. ס'בית־מדרש איז געוואָרן האַלב חרובֿ. דער אויוון אין דער מיקווה האָט זיך צעבראָכן און קיינער האָט נישט פֿאַרריכט. דער רבי האָט אַ מאָל געהאַט אַ סאָד, נאָר די ביימער האָבן אָפּגעדאַרט. ס'האָבן זיך אַריַינגעכאַפּט אין הויף טכוירן, מאַרדערס, מוילווורפֿן האָבן אָנגעגראָבן בערגלעך. אומעטום איז געוואַקסן אומקרויט און שטעכלקעס. אין די פֿריִער־דיקע ציַיטן האָט דער רבי געהאַט פֿיר משמשים. אין מיַין ציַיט איז געהאַט איבערגעבליבן בלויז ר' איַיזשע, אַ זקן אין די אַכציקער, בלינד אויף איין אויג, און ס'זאָל אים נישט זיַין צו גנאי — אַ שיכּור. ר' דן האָט אַלע יאָרן געפֿאַסט תּעניתים, נאָר אויף דער עלטער האָט ער כּמעט אויפֿגעהערט עסן. ר'האָט פֿאַרזוכט אַ כּזית ר'זאָל מעגן בענטשן. די יושבֿים זענען אַלע געווען זקנים. אויף די ימים־נוראים איז זיך אָנגעפֿאָרן אַ פּאָר צענדליק חסידים. אַ גאַנץ יאָר האָט מען קוים צונויפֿגעקראַצט אַ מנין. דער רבי האָט אויפֿגעהערט זאָגן תּורה, טיילן שיריים. דער טאַטע עליו־השלום איז געווען אַ מקורבֿ און ער'ט מיך מיטגענומען קיין קאַפּעלניצע. ווען כ'האָב ס'ערשטע מאָל דערזען דעם רבין איז מיך באַפֿאַלן אַ פּחד; קליין, איַינגע־בויגן, איַינגעשרומפּן, מיט אַ באָרד ביז די לענדן. די אויגן האָט מען אין גאַנצן נישט אַרויסגעזען. אַז דער רבי האָט געוואָלט עמעצן אָנקוקן, האָט ער מיט צוויי פֿינגער אונטערגעהויבן אַ ברעם. דער טאַטע האָט אויף מיר אָנגעוויזן, געהייסן כ'זאָל געבן דעם רבין שלום. ר'האָט דערלאַנגט אַ האַנט טרוקן ווי פּאַרמעט און הייס ווי פֿיַיער. ר'האָט אַ ברום געטאָן: נו, און דעם דאָזיקן נו קאָן איך נישט פֿאַרגעסן. אַ קול פֿון די סאַמע טיפֿענישן, נישט פֿון דאַנען.

מ'האָט זיך געריכט יעדן טאָג אויפֿן רבינס פּטירה. נאָר יאָרן זענען אַריבער און דער רבי לעבט. די ווענט אין בית־מדרש זענען שוואַרץ ווי קוימען. מיַיז האָבן צעריסן די ספֿרים. אויפֿן דאַך האָט זיך באַזעצט אַ סאָווע און זי האָט געהוילט אין די נעכט. אַ ציַיט האָט מען געהאַלטן אין איין שטאַרבן אין קאַפּעלניצע. דערנאָך האָט עפּעס דער מלאך־המוות ווי פֿאַרגעסן דעם מקום. די יושבֿים האָבן אַרומגעשלײַכט ווי שאָטנס. אַ זקנה האָט

witch. I happened to be back in Radoshitz at the time. Later I was told that Falik and his wife were divorced. She married an elder from Sochaczew. Falik moved to Warsaw and converted to Christianity. One night Dr. Chalczynski left town. He didn't say goodbye to anybody—left behind all his books and instruments.

"I forgot the main thing. The shed burned down. On the night of the Feast of the Rejoicing of the Law, when Zelig and his family were sleeping, the maid saw that it was as light outside as day. The shed was flaming like a torch. Zelig and his sons tried to put it out, but you cannot put out a fire from Gehenna. In a half hour, only coals and ashes remained. There was no lightning that night and there was nothing in the shed that could have ignited by itself."

"Does this mean that it was all done by the Powers of Darkness?" Levi Yitzchock asked.

"What did they have against the shed?" Zalman asked back.

2.

Levi Yitzchock took off the blue glasses that he wore even at night. Although he was an old man, his beard was streaked with yellow. There was a deep scar on the bridge of his nose. Under his inflamed eyes with their swollen, lashless lids, hung double bags of withered flesh. He wiped his glasses with a dirty handkerchief and groaned. "Nowadays God conceals His face," he said. "If a miracle does happen, it is explained as natural. In my time we could find miracles everywhere. My father—peace be with him—was a Hasid of the rabbi of Kapelnitza. In olden days, Rabbi Dan had quite a large following. Even so, each Hasid was a chosen man, a person known for worthy deeds. But Rabbi Dan's children died during his lifetime and there was nobody to take his place. His wife choked to death at the Sabbath meal; a daughter drowned in a well; his son, Levi Yitzchock, after whom I was named, collapsed while he was making the benediction of the palm branch and lemon fruit. His whole life, Rabbi Dan waged war with the demons. They did not have the power to destroy him, so they took revenge on his family. The old Hasidim slowly died off. The young men defected to Kotzk or to Gur. The study house turned into a ruin. The oven of the ritual bath broke and there was nobody to mend it. The rabbi's courtyard crawled with polecats, rats, hedgehogs. Moles made their little hills, weeds and thorns grew everywhere. Once, the rabbi had four beadles. In my time, only one was left—Izie, an old man in his eighties, blind in one eye and a drunk to boot. Rabbi Dan used to fast even in his youth, but in his old age he almost stopped eating. He ate just enough bread to be able to bless the food. His hangers-on were all tottering old men. On the Days of Awe a few score Hasidim made their pilgrimage to the rabbi, but at other times of the year it was difficult to get even a quorum for prayer. The rabbi stopped reciting Torah. My father was one of the inner circle, and he took me to Kapelnitza when I was a boy. When I saw the rabbi for the first time, I was terrified. He was small, bent, shrunken, with a beard that reached to his loins. You couldn't see his eyes. When the rabbi wanted to look at someone, he had to lift an eyebrow out of the way with his index finger and thumb. My father introduced me. The rabbi stretched out a hand that was as dry as parchment and as hot as fire. All he said was *'Nu,'* and this *nu* I will never forget. It was a voice from the very depths—not of this world.

"They expected the rabbi's demise every day. But years passed and still he lived on. The walls of the study house grew black as a chimney. The books were nibbled away by mice. An owl settled on the roof and hooted in the night. For a time there were a good many deaths in Kapelnitza, then the Angel of Death seemed to forget the place. The hangers-on crept around like shadows. An

געקאָכט פֿאַר זיי אַ קעסל גריץ און זיי געלאַטעט די וועש. דעם לעצטן ראש־השנה ווען כ׳בין געקומען מיטן טאַטן קיין קאַפּעלניצע, איז שוין נישט געווען אַפֿילו קיין קליינער עולם. די יושבֿים זענען געזעסן אין צעריסענע טליתים, אין קיטלען מיט לעכער. איינער האָט געדאַוונט, דער אַנדערער האָט געדרימלט. דעם בעל־תּפֿילה האָט מען אין גאַנצן נישט געהערט. דער רבי איז געשטאַנען אין אַ ווינקל, נישט אַרויסגעלאָזט קיין שאָרך. דער בעל־תּוקע האָט געבלאָזן שופֿר נאָר ס׳האָט אים אויסגעפֿעלט אָטעם. כ׳האָב אַ זאָג געטאָן צום טאַטן: נעם מיך קיין מאָל נישט מיט אַהער.

געוויינלעך פֿלעגט דער טאַטע בלײַבן איבער די עשׂרת־ימי־תּשובֿה ביז נאָך יום־כּיפּור. אָבער דאָס מאָל זענען מיר אַהיימגעפֿאָרן צום גדליה. אויף דער פֿור האָט דער טאַטע צו מיר אַ זאָג געטאָן: הלוואי דער צדיק זאָל אַנטרײַבן ביז איבער סוכּות. ער איז שוין מער אויבן ווי דאָ. ער האָט פֿון דעסט וועגן געלעבט ביז חנוכּה. חנוכּה האָבן מיר דערהאַלטן אַ טעלעגראַמע אַז דער רבי איז נסתּלק געוואָרן. כ׳האָב נישט געוואָלט פֿאָרן אויף דער לוויה, נאָר דער טאַטע טענהט: מיתת צדיקים איז נישט קיין קלייניקייט. ס׳וועט שוין נישט זײַן נאָך אַ ר׳ דן ביז תּחית־המתים. מ׳האָט זיך געריכט אויף אַן אָנגעלויף ווײַל אַזוי איז שוין די טבֿע: מ׳פֿאַרגעסט דעם צדיק בײַם לעבן, אָבער אַז ער ווערט ניפֿטר, דערמאָנט מען זיך. איז אָבער מעשׂה־שׂטן אָנגעפֿאַלן אַ טיפֿער שניי און נישט מ׳האָט געקאָנט פֿאָרן מיט אַ פֿור און נישט מיט אַ שליטן. מיר האָבן זיך דערשלעפּט קיין קאַפּעלניצע מיט מסירת־נפֿש. כ׳בין געשטאַנען דערבײַ ווי מ׳האָט דעם רבין באַהאַלטן. די ערד איז געווען געפֿרוירן. אַ יושבֿ האָט געזאָגט קדיש. שניי איז געפֿאַלן און די מלווים זענען געוואָרן ווײַס. אַז די קבֿורה איז פֿרײַטיק קאָן נישט זײַן קיין רייד וועגן צוריקפֿאָרן אַהיים. מיר האָבן געהאַלטן שבת אין קאַפּעלניצע.

כ׳האָב געמיינט אַז ס׳וועט שבת נישט זײַן קיין טיש אין בית־מדרש, אָבער עמעץ האָט געשטעלט טשאָלנט. אײַזשע האָט צוגעגרייט חלה און פֿיש. צום ערשטן מאָל אין זעכציק יאָר איז דעם רבינס שטול געשטאַנען ליידיק. די זקנים האָבן געפּרוווט זינגען און ס׳איז אַרויס אַ כאָרכלעניש, נישט קיין געזאַנג. איינער האָט נאָכגעזאָגט דעם רבינס אַ תּורה. נאָר די אַנדערע זענען טויב. אַזוי איז דאָס צוגעגאַנגען פֿרײַטיק צו נאַכטס און אַזוי שבת בײַ טאָג. אין קאַפּעלניצע איז דער שלוש־סעודות אַלע מאָל געווען די לענגסטע סעודה. אין שטאָט האָט מען שוין לאַנג געהאַט אָנגעצונדן ליכט, געמאַכט הבֿדלה, געזאָגט ויתּן לך און דאָ האָט מען ערשט געזונגען בני היכלא. אַמאָליקע צײַטן האָט דער רבי געזאָגט תּורה, מגלה געווען רזין־דרזין. וואָס קען אַ ייִנגל טאָן שבת נאָך מינחה, בפֿרט אין ווינטער? כ׳בין געבליבן אין בית־מדרש. די נאַכט איז צוגעפֿאַלן גיך. די יושבֿים האָבן געגעסן דעם קראַצבאַרשט מיט הערינג און געברומט זמירות, אַלע אויגן געווענדט אויבן אָן, צום רבינס שטול. כ׳זיץ אין דער פֿינצטער און אַן אויסטערלישע בענקשאַפֿט האָט מיך אַרומגעכאַפּט. כ׳האָב גענומען טראַכטן וועגן רבין. דער הייליקער גוף איז שוין געווען אין קבֿר, אָבער וווּ איז די נשמה? אוודאי אין גן־עדן, בײַם כּיסא־הכּבֿוד, אין היכל־המשיח. צום ערשטן מאָל איז מיר דעמאָלט אײַנגעפֿאַלן אַז איך אַליין וועל אויך נישט בלײַבן אייביק יונג. אין דרויסן האָט דער הימל זיך געהאַט אויסגעלײַטערט און ס׳האָט זיך געוויזן אַ מולד פֿון חודש טבֿת. די שטערן האָבן געפֿינקלט. אין בית־מדרש איז אַ חשכות, אָבער עפּעס אַ שײַן איז אַרײַנגעפֿאַלן. דאָס געזאַנג פֿון די יושבֿים קען מען גאָרנישט איבערגעבן מיט קיין ווערטער. זיי האָבן מיט הייזעריקע קולות געצויגן איין תּנועהלע, אָבער אַ מאָל און ווידער אַ מאָל. יעדער קוועטש, יעדער קרעכץ האָט פֿאַרטראָגן אין די עולמות־עליונים. גופֿים קענען אַזוי נישט זינגען. דאָס האָבן געברומט נשמות, זיך געבעטן בײַם רבונו־של־עולם: עד מתי ה׳, ווי לאַנג וועט נאָך געדויערן דער חושך־מצרים? ווי לאַנג וועלן די ניצוצות דקדושה בלײַבן געפֿאַנגען צווישן די קליפּות? זאָל שוין נעמען אַן עק צו די יסורים, דעם גשמיות, די חיצוניותן. כ׳בין נאָך געווען אַ ינוקא אָבער כ׳בין געבליבן ווי מיט ביטול־אבֿרים. כ׳טו אַ קוק צו דער טיר: דער רבי קומט אַרײַן. כ׳בין געוואָרן אַזוי געפּלעפֿט אַז כ׳האָב פֿאַרגעסן זיך צו שרעקן. כ׳האָב אים דערקענט: די געשטאַלט, די באָרד, דער גאַנצער געשטעל. ער האָט עפּעס ווי צוגעשוועבט צו דער ליידיקער שטול און זיך אַוועקגעזעצט. אַ ווײַל איז געוואָרן בײַם טיש אויסטערליש שטיל. אַזאַ שטילקייט האָב איך נאָך קיין מאָל נישט פֿאַרנומען, נישט פֿריִער און נישט שפּעטער. דערנאָך האָט דאָס געזאַנג זיך ווידער אָנגעהויבן. פֿריִער שטיל, דערנאָך העכער. ס׳איז טאַקע ווי ס׳שטייט: כּל עצמותי תּאמרנה. שׂימחה עד כּלות הנפֿש און עצבֿות עד כּלות הנפֿש. ס׳איז וגילו ברעדה. ווער ס׳האָט נישט געהערט יענץ געזאַנג, יענע זיפֿצן, ווייסט נישט וואָס ייִדן זענען און וואָס רוחניות איז. כ׳האָב דערשפּירט אַז כ׳גיי אויס פֿון מתיקות און אַ רוף געטאָן: טאַטע! ווען כ׳טו דעמאָלט נישט דעם געשריי, וואָלט איך הײַנט דאָ נישט געזעסן...

— זיך דערשראָקן, האַ? — האָט זלמן גלעזער געפֿרעגט.

old woman cooked soup for them in a caldron and patched their linen. When I went with my father to Kapelnitza for the last Rosh Hashana, there was not even a small crowd present. The old men were sitting in torn prayer shawls, their robes riddled with holes. One was praying, another was dozing. The rabbi stood in a corner and did not utter a sound. The man who blew the ram's horn was short of breath. Instead of a blast, there was a groan that might have come from a slaughtered animal. I said to my father, 'Don't bring me to this place again.'

"As a rule, my father stayed for the Ten Days of Repentance and Yom Kippur. But this time we left the day after Rosh Hashana. On the wagon my father said to me, 'I doubt if the Saint will last past the Feast of the Tabernacle. Already he is more there than here.' Nevertheless, he lived until Hanukkah. At Hanukkah we got a telegram announcing his death. I did not want to travel to the funeral, but my father argued that the passing away of saints should not be ignored—there wouldn't be another Rabbi Dan until the Resurrection of the Dead. We expected a large gathering, because it is the nature of people to forget a saint while he is alive and give him all honors at his death. But a deep snow had fallen, and Kapelnitza could not be reached by cart or sleigh. We got there with the greatest difficulty. I was present when the rabbi was buried. The earth was frozen. A moribund man recited Kaddish. Heavy snow was still falling, and the mourners all turned white. The burial took place Friday, and so it was impossible to go back home. We had to remain in Kapelnitza over the Sabbath.

"I thought that there would be no Sabbath meal in the study house, but someone prepared food. For the first time in sixty years, the rabbi's chair stood empty. The old men tried to sing; what came out was a gasp. One of them recited some of the rabbi's sayings, but they hardly heard him; most of them were deaf. So it went during Friday's supper and Saturday's midday meal. In Kapelnitza the most revered repast was the third one, which began at dusk. The people of the town had long since lighted their candles, said the Valedictory prayer and the chapter that is read Saturday evening, but in the study house it was still dark and the 'Sons of the Mansion' was being sung. The rabbi used to reveal mysteries of mysteries at this hour.

"What can a boy do on the Sabbath after dark, especially in winter? I remained in the study house. Night fell quickly. The hangers-on munched their dry bread with herring and chanted in mournful voices, all eyes fastened on the rabbi's chair at the head of the table. I sat in the darkness and a strange yearning seized me. I kept on thinking of the rabbi. His holy body is already in the grave, but where is his soul? Most probably in Paradise at the Throne of Glory, in the Mansion of the Messiah. For the first time, it occurred to me that I too would not be young forever. Outside, the sky cleared and I saw the new moon of the month of Taveth. The stars glittered. It was dark in the study house; only a faint glow entered. The singing of the hangers-on cannot be conveyed by words. With hoarse voices they intoned the variations of one theme. Each sigh, each accent carried you up to the highest spheres. Bodies cannot sing that way. It was the humming of souls pleading with the Lord of the Universe: How long, God, will the darkness of Egypt last? How long will the sacred sparks remain imprisoned in the morass of darkness? Let there be an end to the suffering, to pettiness, to material vanities. I was still a youngster, but I was transfixed. I looked toward the door and the rabbi entered. I was so astonished that I forgot to be afraid. I recognized him—the same image, beard, shape. He seemed to float over to the empty chair and sit down. For a long time there was an awesome silence—such a silence I have never experienced before or since. Then the singing resumed, quietly at first and then louder. It was as it is written, 'All my bones shall speak.' In the song there was joy to make the soul expire. Those who haven't heard this singing will never know what Jews are and what spirit is. I feared that I might faint from exaltation and I called out, 'Father!' If I hadn't done this, I wouldn't be sitting here today."

"You got frightened, huh?" Zalman the glazier said.

— דער רבי איז גלײַך נעלם געוואָרן. די זקנים האָבן זיך ווי איבערגע־וועקט. אײַזשע האָט באַלד אָנגעצונדן אַ ליכט. דער טאַטע האָט מיך אַרויסגע־פֿירט אין דרויסן און מיר געריבן די שלייפֿן מיט שניי. ער איז אַליין אויך ווײַס ווי אַ מת. אַז כ׳האָב צוריקגעקראָגן דאָס לשון האָב איך געפֿרעגט: טאַטע, האָסט געזען? און ער ענטפֿערט: שייגאַץ, שווײַג! כ׳האָב שוין געציטערט זיך אומצוקערן אין בית־מדרש. דער טאַטע האָט מיך אַוועקגעפֿירט אין דער אַכסניא. ר׳האָט מיך מער געטראָגן ווי געפֿירט. ער׳ט געמאַכט הבֿדלה, מיר אָנגעשמירט די אויגן מיט ווײַן, מיר געגעבן צו שמעקן בשׂמים. כ׳האָב, דוכט זיך, פֿאַרפֿעלט מעריבֿ. כ׳בין באַלד אײַנגעשלאָפֿן.

יענע נאַכט זענען ניפֿטר געוואָרן צוויי יושבֿים. ביז פּסח איז פֿון דער גאַנצער חבֿרותא קיינער נישט געבליבן. דער טאַטע האָט קיין מאָל נישט געוואָלט רעדן מיט מיר וועגן יענעם שלש־סעודות. ערשט ווען כ׳האָב חתונה געהאַט, אין חופּה־טאָג, האָט ער מיר מודה געווען אַז ער׳ט דעמאָלט געזען דעם רבין.

— הער אַ מעשׂה! — האָט זלמן אַ זאָג געטאָן.

מאיר טומטום האָט זיך אָנגענומען בײַם נאַקעטן קין, דאָרט וווּ ס׳האָט געדאַרפֿט וואַקסן אַ באָרד.

— וואָס איז דער חידוש? ס׳האָט געטראָפֿן מיט ר׳ יהודה הנשׂיא. נאָך דער פּטירה איז ער יעדן פֿרײַטיק צו נאַכטס געקומען אַהיים מאַכן קידוש. ס׳איז אַ בפֿירושע גמרא.

— פֿאָרט, הײַנטיקע צײַטן...

— וואָס איז הײַנט? דער רבונו־של־עולם איז דער אייגענער. אין אים איז נישטאָ קיין שינוי. אויב ס׳געשעען ווייניקער נסים, איז די מניעה אין אונדז, נישט אין אים.

— וואָס איז געוואָרן מיטן הויף? — האָט זלמן געפֿרעגט.

— זיך צעפֿאַלן ווי שפּינוועבס, — האָט לוי־יצחק געענטפֿערט — דער רבי האָט, אַ פּנים, אַלץ צונויפֿגעהאַלטן מיט זײַן כּוח. ווי נאָר ר׳איז נתבקש געוואָרן אין דער ישיבֿה של מעלה, האָבן געגומען אײַנפֿאַלן די מויערן. דער דאַך איז צערונען. דער גאַנצער הויף איז געוואָרן אַ חורבֿה.

— אויף וואָס האַלט זיך דען די וועלט? — האָט מאיר טומטום געטענהט

— אויף כּבֿיכולס אַ וואָרט. ער רופֿט צוריק ס׳וואָרט און די גאַנצע באַשאַפֿונג קערט זיך אום צום תּוהו־ובֿוהו...

ג

מאיר טומטום האָט זיך אויפֿגעהויבן, גענומען אַרומשפּאַנען אַהין און צוריק. סײַ ר׳איז געווען הויך, סײַ ער האָט געהאַט אַ הויקער. ווי ווויל דאָס פּנים איז גלאַטיק, האָט ער אויסגעקוקט מאַנצבילש: אַ הויכער שטערן, אַ קרומע נאָז, שאַרפֿע אויגן פֿון אַ למדן. ער האָט אָנגעטאַפּט דעם אויוון, זעט אויס זיך אָפּגעבריט, ווײַל ער האָט געבלאָזן אויף דער האַנטפֿלאַך. מאיר טומטום האָט געהערט צו יענע וואָס די גמרא רופֿט אָן: עתּים חלים, עתּים שוטה. ווען די לבֿנה איז פֿול, האָט ער זיך געפֿירט ווי אַ משוגענער. ער האָט גערעדט צו זיך אַליין, געלאַכט, געריבן די הענט, געמאַכט ניקן. ווען די לבֿנה ווערט געמינערט, איז דער געדאַנק זײַנערווידער געזעצט. ער האָט איצט זיך צוריק אַוועקגעזעצט, און געזאָגט:

— זען אַ בר־מינן איז ניש׳ קאַ׳ רבֿותא. די מאַמע מײַנע איז אַוועק פֿון דער וועלט ווען כ׳בין אַלט געווען פֿינף יאָר, אָבער וויפֿל מאָל כ׳בין אין אַ סכּנה, הער איך איר קול. זי וואָרנט מיך. זי טוט אַ רוף: מאירל, און כ׳ווייס אַז כ׳דאַרף מיך היטן. ס׳איז נישטאָ קאַ׳ טויט. ווי קען מען זײַן טויט, אַז אַלץ איז אַ חלק־אלוק־ממעל? די נשמה שטאַרבט נישט און דער גוף לעבט נישט. נו, אָבער ס׳איז דאָ עפּעס אין צווישן: נישט אין גאַנצן חומר און נישט אין גאַנצן צורה. כ׳דאַרף עס אפֿשר נישט דערציילן, נאָר ווי באַלד ס׳קומט שוין צו רייד, מעגט איר וויסן דעם אמת. כ׳האָב אײַך שוין געזאָגט: כ׳האָב אָנגעווירן די מאַמע צו פֿינף יאָר. דער טאַטע האָט מער נישט חתונה געהאַט. אַ וואַלד־סוחר, איז ער מער געווען אונטער וועגנס ווי אין דער היים. מיר׳ן געהאַט אַ דינסט שׂפֿרה, זי׳ט געהאַט אַ שוועסטער מיט קינדער און אַז דער טאַטע איז אַוועקגעפֿאָרן האָט זי כּמעט די גאַנצע צײַט פֿאַרבראַכט בײַ דער שוועסטער. קיינער האָט אויף מיר נישט אַכטונג געטאָן. אַז כ׳האָב געוואָלט לערנען, האָב איך געלערנט, אַז כ׳האָב געוואָלט אַרומגיין ליידיק, האָט מיר קיינער נישט געזאָגט קאַ׳ דעה. מיר׳ן געהאַט אַ ספֿרים־שטוב, אַלע פֿיר ווענט מיט פֿאַכן ספֿרים ביז צום באַלקן. כ׳האָב אַלע מאָל געהאַט אַ פֿולע קעשענע מינץ און כ׳האָב באַצויגן ספֿרים פֿון לובלין און אַפֿילו פֿון וואַרשע. כ׳האָב געקויפֿט בײַ פּאַקן־טרעגערס אויך.

"The rabbi vanished immediately. The old men seemed to wake up. Izie lit a candle. My father took me outside and rubbed my temples with snow. He was as white as a corpse. When I could talk, I asked, 'Daddy, did you see?' And he answered, 'Keep quiet.' I was afraid to go back into the study house and my father took me to the inn. He half carried me. He recited the Havdalah, bathed my eyelids with wine, and made me sniff spices. I think that I missed the night prayer. I soon fell asleep.

"That night three of the hangers-on died. By Passover, the whole group had gone. My father was never willing to talk to me about that Sabbath evening. Not until the day of my marriage, before I was led to the ceremony, did he admit to me that he, too, had seen the rabbi."

Meir the eunuch clutched his naked chin where a beard should have grown. "What's so unusual about it?" he asked. "The same thing happened with Rabbi Jehudah. After his demise he came home every Friday night to recite the benediction over the wine. You'll find it in the Talmud."

"Still, in our times—"

"What are our times? The Lord is the same. No change occurs in Him. If fewer miracles happen, the fault is ours—not His."

"What happened to the rabbi's court?" Zalman asked.

"It fell to dust," Levi Yitzchock answered. "It seems that the rabbi kept it together with his spirit. The moment he was summoned to the Yeshiva on High, the walls began to crumble, the roof disintegrated. The whole court became one ruin."

"What keeps all the world together?" Meir the eunuch asked.

"It's all by a word of the Almighty. If He takes His word back, the whole creation returns to primeval chaos."

3.

Meir the eunuch rose and began to pace back and forth. Even though he had a hunchback, he was tall, and although his cheeks were smooth he looked masculine, with a high forehead, an aquiline nose, and the sharp eyes of a scholar. He touched the stove and he must have burned himself because he blew on the palm of his hand. Meir the eunuch belonged to those the Talmud describes as "sometimes sane, sometimes insane." When the moon was full, he acted like a madman. He talked to himself, rubbed his hands together, laughed and grimaced. When the moon diminished, his thoughts became more ordered again. Now he sat down and began to talk:

"There is nothing strange about seeing a ghost. My mother died when I was five years old, but whenever I am in danger I hear her voice. She warns me. She calls, 'Meir!' and I know that I must be on guard. There is no death. How can there be death if everything is part of the Godhead? The soul never dies and the body is never really alive. Well, but there is something between —not completely matter, not completely form. Perhaps I should not talk about it, but while we are on the subject I want you to know the truth. As I said, I lost my mother when I was five. My father never remarried. He was a forester and was more in the woods than at home. We had a servant, Shifrah, and she had a sister with children in town. When my father traveled, she spent almost all her time with her sister. Nobody took care of me. When I wanted to study I studied, and when I wanted to be idle there was no one to reproach me. We had a library. Its four walls had shelves up to the ceiling filled with books. I always had a pocketful of money and I used to order books from Lublin and

צו זעכצן יאָר האָב איך געמאַכט אַ סיום אויף ש״ס. ס׳האָט מיך גענומען ציִען צו קבלה. כ׳האָב וווּיל געוווּסט דעם דין, אַז מ׳טאָר זיך נישט אַרײַנ־לאָזן אין נסתרות פֿאַר די דרײַסיק, אָבער כ׳האָב געפֿונען אַ היתר. כ׳האָב געהאַט, ווי ס׳ווערט געזאָגט, ממלא כּרסי געווען מיט ש״ס און פּוסקים. כ׳האָב אָנגעהויבן בלעטערן אין זוהר, אין פּרדס, אין עץ החיים, אין משנת חסידים. פֿון קבלה עיונית איז איין טריט צו קבלה מעשית. ס׳איז אמת, אַז פֿון קבלה מעשית קאָן מען לײַכט אַרײַנפֿאַלן אין כּישוף, אָבער ס׳ווערט געבראַכט אַז די סנהדרין האָבן געלערנט כּישוף. ס׳האָט מיר פֿאַרשמעקט צו ווערן אַ רואה־ואינו־נראה, צו האָבן קפֿיצת־הדרך, צאַפּן ווײַן פֿון וואַנט.

ס׳איז געקומען צו פֿאָרן צו אונדז אין שטאָט אַ זקן וואָס האָט געשטאַמט פֿון בבֿל. ער האָט אַרומגעוואָגלט איבער דער וועלט און געוויזן מופֿתים. עמעץ האָט אַרײַנגעשטעקט אַ פֿינגער אין אַ ספֿר און ער האָט געזאָגט וואָס דאָרט איז געשריבן. די אותיות, האָט ער דערציילט, שטעלן זיך אים פֿאַר די אויגן. ר׳האָט געהיילט שלאַפֿע. בײַ אונדז אין שטאָט האָט ער אויסגעהיילט אַ פֿאַליקן. ער׳ט זיך געהייסן ברענגען אַ האָן, געזאָגט אַ שפּראָך און די ניכפּה איז אַריבער צום עוף. ווער ס׳האָט נישט געזען ווי דער האָן האָט געצאַפּלט און זיך געוואָרפֿן אין קדחת, ווייסט נישט דעם כּוח פֿון שמות. נישט מער, ס׳זענען דאָ שמות הקדושה און שמות הטומאה. די סיטרא־אחרא איז אַ מאַלפּע: זי טוט אַלץ נאָך דער סיטרא־דימינא. רבנים אין פּוילן האָבן געהאַט אַרויסגעגעבן אַן איסור מ׳זאָל דעם שוואַרצקינצלער נישט לאָזן פֿאַר דער שוועל, אָבער אַז מ׳האָט אַ בן־יחיד וואָס יעדע פֿאַר טעג פֿאַלט ער אַוועק אין גאַס, דער גאַווער רינט אים פֿון מויל און ער קלאַפּט מיטן קאָפּ אין די שטיינער פֿון ברוק, רעכנט מען זיך נישט מיט קיין שום איסורים. געהיילט האָט דער ייִד פֿון בבֿל בלויז די רײַכע. ער׳ט זיך פֿאַר אַלץ געהייסן באַצאָלן מיט גילדענע רענדלעך. צו וואָס האָט ער באַדאַרפֿט אַזוי פֿיל געלד? געגעסן האָט ער ווייניקער ווי אַ פֿליג. ס׳ווײַב האָט אים געהאַט אָפּגעגט. קיין קינדער האָבן נישט אַזוינע פֿאַרשווינען. ר׳האָט געהאַט ערגעץ אַ הויז אין לובלין און די שדים האָבן דאָרט אַרומ־געהוליעט אין מיטן טאָג. ער שטייט מיר פֿאַרן בליק: הויך, דאַר, מיט אַ פֿעז ווי אַ טערק, אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע מיט ווײַסע און רויטע פּאַסן און אין סאַנדאַלן אויף די באָרוועסע פֿיס. ס׳פּנים איז אָפּגעשיילט ווי בײַ אַ מצורע, די באַקן אײַנגעפֿאַלן. אַ ווײַס שיטער בערדל, אַ האָר דאָ, אַ האָר דאָרט, און ס׳דוכט זיך אַז ס׳יאָגט דערויף אַ ווינט. אויגן האָט ער געהאַט קרומע און ס׳איז געזעסן אין זיי אַ משחית. גערייכערט האָט ער אַ וואַסער־ליולקע. גערעדט האָט ער האַלב תּרגום, האַלב ייִדיש.

אַז דער ייִד פֿון בבֿל איז געקומען צו אונדז, בין איך גלײַך אַוועק צו אים אויף דער סטאַנציע. כ׳האָב גערעדט צו אים קלאָרע דיבורים: כ׳וויל ווערן זײַן תּלמיד. ער זאָגט: יונגער־מאַן, צו וואָס זיך לייגן מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנקן בעט? טו אַ קוק אויף מיר, כ׳בין אַ הציץ ונפֿגע. די טיר אַרײַנצוגיין איז ברייט, אָבער דער אַרויס איז שמאָל. זיי לאָזן מיך נישט צו רו, נישט אויף דער וואַך און נישט אין שלאָף. אַזוי ווי ער רעדט, דערהער איך קלעפּ: אַן אויסטערליש קלאַפּעניש, נישט פֿון דרויסן און נישט פֿון אינעווייניק נאָר ווי אַ פּיקהאָלץ וואָלט אַרײַן אין דער שטול וווּ ער זיצט, אָדער גאָר אַ באַשעפֿעניש מיט אַ קופּערנעם שנאָבל ווי דער יתוש פֿון טיטוס הרשע. וואָס איז דאָס? פֿרעג איך, און דער ייִד פֿון בבֿל ענטפֿערט: די וועלט איז פֿול מיט נשמות ערטילאיות און אַלע האָבן אײַנרעדענישן און חשבונות. אַזוי ווי כ׳רעד מיט דיר, אַזוי זע איך אַלכּסנדר מוקדון מיט זײַנע חיילות. די טויטע ווייסן נישט אַז זיי זענען טויט, זאָגט ער, גלײַך ווי די לעבעדיקע ווייסן רעכט נישט אַז זיי לעבן. נאַפּאָלעאָן, זאָגט ער, פֿאָכעט נאָך אַלץ מיטן שווערדל. כ׳בין אָפּגעזעסן בײַ אים דרײַ שעה. כ׳האָב נאָך אַזאַ חכם נישט באַגעגנט. ר׳האָט מיר אַליין צוגעגעבן אַז ער איז אַ גילגול פֿון שלמה המלך. ער׳ט געזען אַז ר׳עט מיך מיט קיין שהי־פּהי נישט אָפּפּטרן און ער זאָגט: מאיר, כ׳האָב דיך געוואָרנט, נאָר אויב דו בלײַבסט אײַנגעשפּאַרט, נאַ דיר אַ קונטרס און באַשאַף דיר אַ רבין. טאַקע ווי ס׳שטייט אין פּרק: עשׂה לך רבֿ. ער איז באַלד צו מאָרגנס אַוועקגעפֿאָרן. ערגעץ פֿאַרפֿאַלן געוואָרן אין מ״ט שערי טומאה. חתונה געהאַט מיט לילית.

even from Warsaw. I bought from the book peddlers, too. By the time I was sixteen, I had gone through the thirty-six tracts of the Talmud. I became attracted to the cabala. I knew very well the law that one should not delve into these mysteries before reaching the age of thirty. But I found extenuating circumstances. I began to look into the Zohar, the *Vinyard,* the *Tree of Life,* the *Tracts of the Hasidim.* From the intellectual cabala there is only one step to the magic cabala. And from the latter, one can easily fall into sorcery. However, I learned somewhere that the Sanhedrin were required to study witchcraft. I had the desire to become an unseen one, to make seven-mile steps, to tap wine from the wall. An old man came to our town. He was born in Babylon and journeyed all over the world working miracles. If someone placed his finger between the pages of a book, he could tell what was written there. He said the letters appeared before his vision. He also cured the sick. In our town he healed an epileptic. He asked for a live rooster to be brought to him. He uttered an incantation and the rooster was seized by epilepsy. Those who have not seen this rooster shaking and having a fit will never know the power of spells. However, there are holy spells and unholy ones. The power of darkness is like a monkey; it mimics the power of light. The rabbis in Poland brought an injunction against anyone having anything to do with the black magician. But if you have an only son who every few days is taken with a seizure in the middle of the street, foaming at the mouth and knocking his head against the curbstone, you forget all about injunctions. That Jew from Babylon cured only the rich. He asked to be paid with golden coins. What did he need so much money for? He ate less than a fly. His wife had divorced him. Such people don't have children. He possessed a house somewhere in Lublin and the demons danced in it even in the middle of the day. He stands before my eyes—tall, emaciated, wearing a fez like a Turk, a long coat striped in red and white, and sandals on his bare feet. His face was peeling like a leper's, his cheeks were sunken. He had a sparse white beard and it was always awry as though a wind blew through it. His eyes were set unevenly and Samael looked out from them. He spoke half Aramaic, half Yiddish.

"When the Jew of Babylon came to our town I immediately went to the inn where he was staying. I spoke simple words to him: 'I want to be your pupil.' He said to me, 'Young man, why go into the sickroom when you are in good health? Look at me. I am one of those who have gazed into the abyss and been damaged. The Evil Ones never give me any rest, either waking or sleeping.' As the Jew of Babylon was talking, I heard a strange knocking. It came neither from outside nor from inside. It was as if a woodpecker had entered the chair where he sat—or perhaps the creature with a copper beak who pecked the brain of Titus the Wicked. 'What is that noise?' I asked. And the Jew of Babylon answered, 'Space is full of naked souls and they all have their illusions and claims. At the same time I am conversing with you, I can see Alexander of Macedonia and his legions. The dead don't know that they are dead,' he said, 'just as the living don't know that they are alive. Napoleon is still waving his sword.'

"I sat with him for three hours. I have never met a greater sage. He admitted to me that he was the reincarnation of King Solomon. When he had convinced himself that he couldn't get rid of me, he said, 'Meir, I have warned you, but if you insist, here is a pamphlet written on parchment and from it you will be able to create your own teacher. He quoted to me from the Mishnah, 'Make your master.' The next day he left. He got lost somewhere in the Forty-nine Gates of Defilement. He had most probably married a Lilith.

כ׳האָב מיך אַ נעם געטאָן צום קונטרס און ער איז פֿול מיט שמות. כ׳זאָל אײַך װעלן דערצײלן װאָס אין דעם קונטרס האָט זיך אָפּגעטאָן, װאָלט איך געדאַרפֿט זיצן מיט אײַך ביז איבער אַ יאָר. קודם־כּל האָב איך געמוזט פֿאַסטן זיבן טעג און זיבן נעכט. דערנאָך האָט זיך אָנגעהױבן אַ צעטל מיט לחשים, השבעות, כּוונות, פּעולות. צירופֿי־אותיות איז נישט עפּעס קאַ׳ שפּילכל. אַ גרײַז אין אַ נקודה אָדער אַ תּג און מאַכסט חרובֿ די װעלט. צינדסט אָן אַ װאַקסן ליכט, ביסט מקטיר קטורת, זאָגסט אַ שם און אַ נפֿש הײבט אָן װאַקסן ממש װי אָן עובר בײַ דער מאַמען אין בױך. ס׳זאָגן אַלײן איז נישט גענוג. אין קבלה איז מחשבֿה מילתא. די מינדסטע פּגיה קערט אַלץ איבער קאַפּױער. די קליפּה זוכט אומעטום אָן אָנהאַלטעניש. װאָס האָט דען געטראָפֿן אין מצרים? װאָס משה רבנו האָט געטאָן האָבן די חרטומים נאָכ־געמאַכט. נו, אָבער משה איז משה און איך בין אַ ייִנגל פֿון אַכצן יאָר. יעדן טאָג איז געשען אָן אַנדער מיכשול. ס׳איז האַלב בײַ נאַכט, די װעלט שלאָפֿט. כ׳שטײ בײַ מיר אין גאָרן־שטיבל און בין שױן גרײט צו לײענען קריאת־שמע און זיך לײגן שלאָפֿן. מיט אַ מאָל װערט אַ רעש, אַ פֿײַפֿעניש, אַ װינט, אַ האַרמידער. דער טיש טאַנצט, די װענט ציטערן. ס׳גאַנצע געבײַ טרײסלט זיך װי אַ שיף אױפֿן ים. כ׳זאָג אַ װאָרט אײַנצושטילן דעם שטורעם. פּלוצלינג נעמען קאַפּױער קומען פֿאַרזױעניש, שאַלעמױזן, יעדער מיט זײַנע העװיות, פֿאַרקרימעניש, סיגעס. זײ לאַכן, װײנען, שרײַען, אַמפּערן זיך. כ׳האָב געהאַט פֿאַרפֿעלט אַ קוצו־של־יוד. אַנשטאָט אַ מלאך, אַ מגיד־מישרים װי בײַם הײליקן בית־יוסף, איז אַרױס אַ צורה־משונה, אַ קליפּה, אַ לץ. דאָ האָט זיך באַװיזן אַ קאָפּ אָן אַ גוף און דאָ אַ גוף אָן אַ קאָפּ. פֿיס גײען און קריכן אַרײַן אין דער װאַנט. אַ שנױץ מיט אַ צאַפּנבערדל האַלט אַ דרשה. גערעדט האָט דער לאַפּיטוט כּלומרשט מעשׂה מקובל, אָבער אין מיטן נעמט ער פּלאַפּלען אין גראַם װי אַ בדחן, אַרײַנמישן דבֿרים בטלים און ניבול־פּה. איך אַלײן האָב אָנגעהױבן רעדן אױף אַ פֿרעמד לשון און שרײַבן שפּיגל־שריפֿט. דער טאַטע איז גראָד געהאַט אַװעקגעפֿאָרן קײן לײַפּציג און די דינסט ליגט קראַנק בײַ דער שװעסטער, נאָר װי לאַנג קאָן מען דאָס אַלץ באַהאַלטן? ס׳איז געשטאַנען אין קונטרס װי אַזױ לױז צו װערן פֿון אַ יוצא־דופֿן, נאָר אין קבלה־מעשׂית איז שװערער אױסצומעקן װי צו באַשאַפֿן. דער צד שכּנגד האָט זיך אַרײַנגעלאָזט מיט מיר אין װיכּוחים; אַלץ אױף צע־פּיקעניש, הידרעך־פּידרעך. כ׳װיל שלאָפֿן, אָבער ער װעקט מיך אױף. ער קרײַזלט מיר די פּאות. ער קיצלט מיך און װיל כ׳זאָל אים רעדן אַ שידוך. ר׳האָט מיך געװאָלט טרײַבן צו יענער זאַך אױך, עץ װײסט שױן װאָס... זכות־אָבֿות איז מיר בײַגעשטאַנען. כ׳בין אַרױס פֿון בעט און כ׳האָב אים פֿאַרטריבן. כ׳בין אַרײַן אין אָנטועכץ, אײַנגעפּאַקט די תּפֿילין, אַ ספֿר יצירה און בין אַנטרונען פֿון שטאָט. דער טאַטע מײַנער איז געװען אַ פּאַרצעװער חסיד און כ׳האָב געקראָגן אַ פֿור קײן פּאַרצעװ, נישט צום הײַנטיקן רבין, נאָר צום זײדן, ר׳ כּתריאלן. אױפֿן גאַנצן װעג האָט דער מחבל געפּרוּװט מיך אַרײַנשלעפּן אין דער נעץ מיט גוטן און מיט בײזן, אָבער אַחוץ דעם װאָס כ׳האָב געהאַט מיט מיר דעם ספֿר יצירה, בין איך באַהאָנגען מיט קמיעות. כ׳בין אַרײַן אין רבינס ישיבֿה און בין דאָרט געבליבן זיצן צװאַנציק יאָר.

מאיר טומטום איז געװאָרן שטיל. זלמן גלעזער האָט אַ שאָקל געטאָן דעם קאָפּ אין דער ברײט.

— אין פּאַרצעװ האָט ער אײַך נישט באַלעמוטשעט?

— אין פּאַרצעװ האָט די שװאַרצע חבֿרה ניש׳ קאַ׳ שליטה.

— װאָס װילן זײ, האַ?

— ס׳קלײנװאַרג מאַכט זיך נאַריש. די גרױסע װילן איבערנעמען די ממשלה אין הימל.

— און גאָט װעט לאָזן?

— ס׳אַ מלחמה.

— צו װאָס האָט ער זײ באַשאַפֿן?

— ס׳זאָל זײַן בחירה.

ס׳איז געװאָרן שטיל און דער זײגער האָט געקלונגען צװעלף. דורכן האַלב־געפֿרױרענעם פֿענצטער האָט אַרײַנגעשײַנט אַ האַלבע לבֿנה. מאיר טומטום האָט מיט שפּיצן נעגל געריבן דעם קין װי אױסצוצופּן אַ האָר. ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— דער ייִד פֿון בבֿל האָט מיר יענעם טאָג געזאָגט עפּעס װאָס כ׳װעל נישט פֿאַרגעסן ביז דער לעצטער רגע.

לױ־יצחק האָט אַראָפּגענומען די ברילן.

— װאָס האָט ער געזאָגט?

— װי נאָר דער אין־סוף האָט זיך מצמצם געװען און איבערגעלאָזט אַ מקום פּנוי, איז אױפֿגעקומען אַ משוגעת. די קליפּה איז משוגע. אַפֿילו די מלאכים זענען אַ קאַפּעלע צערודערט. דער עולם העשׂיה איז אַ משוגעים־הױז.

— װאָס איז מיט אַ שטײן? — האָט זלמן געפֿרעגט.

מאיר טומטום האָט זיך צעלאַכט מיט אַ קול װאָס האָט זיך אָנגעהױבן מאַנצביליש און איז אַריבער אין אַ װײַבעריש קװיטשל.

— כלעבן, אַ גוטע קשיה! צװישן גאָט און אַ שטײן איז אַלץ מטורף...

"I began to study the pamphlet and it was filled with holy names—or so it seemed to me. It would take me a year to tell you all that pamphlet contained. First I had to fast seven days and seven nights. Then there was a long list of charms, incantations, meditations, and all kinds of magic doings. The combination of letters is not something to fool around with. An error in one letter or one vowel accent could destroy the earth. You light a wax candle, you burn incense, you utter a sacred name, and a creature begins to grow before your very eyes like an embryo in its mother's womb. The uttering of the name is not enough. In the cabala, thoughts are objects. The slightest imperfection can turn everything upside down. The Evil Powers try to get hold of sacred things all the time. What happened in Egypt? Everything that Moses did, the magicians imitated. But Moses was Moses, and Meir was a boy not yet eighteen years old. Every day some mishap occurred. It was midnight, the world was asleep. I stood at the window of my attic room ready to read the Shema and to go to sleep. Suddenly there was a commotion, a whistling, a wind, a confusion. The table began to dance, there was a howling as of a thousand female voices, the walls trembled, the whole building shook like a ship at sea. I said a word to quiet the storm. Just as suddenly there emerged freaks, monsters, grimacing, laughing, crying, struggling—to make it short, I had omitted the stem of the letter 'jud,' and instead of an angel as was created by the holy Joseph Karu, I had conjured up a misbegotten creature, a goblin. One moment I saw a head without a body and then a body without a head. Legs walked by themselves and entered the wall. A muzzle with the beard of a he-goat was delivering a sermon. It spoke like a cabalist but suddenly it started to babble in rhymes like a wedding jester, peppering its talk with obscenities and blasphemy. I myself spoke in a strange language. Later on when I wrote, my handwriting could only be read in a mirror. My father happened to be at a fair in Leipzig and the maid lay sick at her sister's. I was alone. But how long would I be able to hide all these goings on? It is true that the pamphlet gave directions for destroying unwanted entities, but in the magical cabala it is more difficult to erase than to create. My goblin began long debates with me—a lot of nonsense, all for spite. I wanted to sleep and he woke me. He twisted my sidelocks. He tickled the soles of my feet; he licked me with his tongue and begged me to find a spouse for him.

"One night when I was half asleep he came to my bed and tried to persuade me to have sexual relations with him. I was on the verge of falling into the trap but my God-fearing ancestors must have interceded for me. I jumped out of bed and drove him away. I got dressed, packed my phylacteries, the *Book of Creation,* and ran out of town. My father was a follower of the rabbi of Partzev and I found a wagon to take me there. It wasn't the rabbi who is residing there today, but his grandfather, Rabbi Kathriel. All along the way the fiend I had created tried to pull me into his net with good and bad words. But besides the *Book of Creation,* I had with me a bag full of charms that hung around my neck. I managed to reach the rabbi's yeshiva and there I remained for twenty years, until the evil spirit perished."

Meir the eunuch was silent.

Zalman the glazier shook his head. "Didn't he bother you in Partzev?"

"In Partzev the Evil Host did not hold sway."

"What do they want?"

"The small ones just make fools of themselves. The big ones attempt to take over the rule of heaven."

"And God will let them?"

"It's a war."

"Why did He create them?"

"In order that there be free choice."

It became quiet and the clock struck twelve. Through the half-frozen window a three-quarter moon shone in. Meir the eunuch began to pinch his naked chin with the tips of two fingers, as if to pull out a hair. He said, "The Jew of Babylon told me something that day which I won't forget to my last hour."

Levi Yitzchock took off his glasses. "What did he say?"

"The moment the Infinite Light shrank and grew dim, and Creation began, insanity was born. The demons are all crazy. Even the angels are not completely sane. The world of matter and deeds is an insane asylum."

"How about a stone?" Zalman the glazier asked.

Meir the eunuch uttered a laugh that began in a masculine voice and ended in a feminine falsetto. "Really, a good question. With the exception of God and a stone, everything is mad."

*Translated by the author and Dorothea Straus*

1964